START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1891.7

Dolgopolski, Tsodek.
Mashines-gerangl.
Minsk , 1930.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1891.7

Dolgopolski, Tsodek.
Mashines-gerangl : [pyese in 3 aktn] / Ts. Dolgopolski.
Minsk : Tsentraler felker-farlag fun F.S.S.R., 1930.
Varying form of title: Baratsba mashyn.
99 p. ; 22 cm.

1. Yiddish drama.—lcsh
I. Belarus-Mensk

ID : NXYH01-B15825 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /8871

Reduction ratio X 10.0

צ. וואָלגאָפּאָלסקי

מאשינען
געראנגל

פּיעסע אין 3 אקטן

צענטראַלער פעלקער פאַרלאַג פון פסס"ר
מאָסקווע כאַרקאָוו מינסק
1930

8871

צ. דאָלגאָפּאָלסקי

מאַשינעס-געראַנגל

ראַלע יידישע
און פּרעסע אַרכיוו

צענטראַלער פֿעלקער-פֿאַרלאַג פֿון פֿ.ס.ס.ר.
מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק — 1930

Printed in Russia

צום ערשטן מאָל אויפגעפירט אין
ווײַסרוסישן ייִדישן מעלוכע-טעאַטער
דעם 7־טן נאָיאַבר 1929־טן יאָר.

שטעלונג—מ. ראַפאַלסקי
רעזשיסאָר-אַסיסטענט—גאָלאָוושטשינער
קינסטלער—אַ. לאַבאַס
מוזיק—פּאָניזאָווסקי

אַקטיאָרן:

אײַזנבערג א.—ביביק
אַלטמאַן מ.—לערנער אַ קאָמ-
יוגיסטקע
אַראָנעס פּ.—ראַבינאָק
אַראָנטשיק א.—גנעגנרל, סאָרע
בערקאָווסקאַיא א.—זאָיע
וויפּאָצקאַיא—שײנע צורע
גערמאַן—בלאט
דרײַזינאַ ע.—זאָיע
קאַהאַן מ.—פֿינמאַן
לימאָן—כאָנצע
מאָגילאָווסקי—גערשט
אָלענדער—ראָוו
פּיקעלטשיק—גנעסיע
רוטשטיין—באַדורין
ריווין—אַבלאָמונטשיק
סאָקאָל—דרײַזין
טרעפּעל—מאָרריק
צימעראָוו מ.—פֿאָבער
ציפּקינאַ פּ.—דווירע
צאָרפֿאַס ג.—צוויק
שטײַנבאַך א.—אָרעה

מינסק. דרוקערײַ פֿון ווײַסרוסישן מעלוכע-פֿאַרלאַג. גלאַוולִיטבעל 1098. באַשט. 1189. טיראַזש 200.

ב. אָרשאַנסקען—מײַן פרײַנט און כאַווער.

דערקלערונגען פֿאַר דראַמקרייזן.

די טעמעס פֿון דער סאָציאַליסטישער בויונג זײַנען נײַע אין דער ייִדישער דראַמאַטורגיע. „מאַשינעס-געראַנגל“ איז אין דעם זין „די ערשטע שוואַלב“.

דער מעכאַבער וויל אין דערדאָזיקער פּיעסע געבן דעם קאַמף פֿון די די פֿאָרגעשריטענע אַרבעטער מיט די שטימונגען פֿון די אומבאַוווסטזיניקע עלעמענטן אַף דער פֿאַבריק, וועלכע געפֿינען זיך אונטער דער ווירקונג פֿון אונדזער קלאַסן-סוינע.

ווײַזנדיק אין „מאַשינעס-געראַנגל“ דעם קאָמפּליצירטן פּראָצעס פֿון דער ראַציאָנאַליזאַציע אין דער סאָוועטישער אינדוסטריע, גיט דער מעכאַבער אַ גאַנצע ריי געשטאַלטן, איינע, וועלכע שטערן, און אַנדערע, וועלכע העלפֿן מיט דעמדאָזיקן פּראָצעס.

דער רעזשיסאָר דאַרף באַטראַכטן יעדע פּיעסע קוידעמקאָל פֿון שטאַנדפּונקט פֿון איר סאָציאַל-געזעלשאַפֿטלעכער באַדײַטונג. דעריבער דאַרף ער אונטערשטרײַכן דעם הויפּט-מאָמענט פֿון דער פּיעסע, איר אַקס—דעם אויסגעהאַלטענעם קאַמף פֿון פֿאָרגעשריטענעם טייל אַרבעטער מיט די אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן פֿון פֿאַבריק.

די פּערסאָנאַזשן, וועלכע שטעלן מיט זיך פֿאָר דעם באַוווסטזיניקן טייל אַרבעטער פֿון דער פֿאַבריק, די פֿאָרשטייער פֿון דער קעמערל פֿון קאָמיוג און דער דירעקטער דרייזין, דאַרפֿן ניט זײַן געמאַכט לויטן שאַבלאָן. וויכטיק איז, אַז יעדער קאָמוניסט און קאָמיוגיסט אין דער פּיעסע זאָל זײַן אַ לעבעדיקער מענטש, גענומען פֿון דער ווירקלעכקײַט. מע דאַרף מיט אַ באַזונדער ערנסטקײַט זיך באַציִען צום טעקסט, אויסזוכן איבערצײַגנדיקע, פּאָשעטע און עמעסע אינטאָנאַציעס, איבערצײַגנדיקע און ניט שרײַענדיקע זשעסטן.

די אויספֿירער ווערט רעקאָמענדירט אין די באַזונדערס שטאַרקע ערטער, אין סאָף 1-טן אַקט, אין דריטן אַקט—צו באַגרענעצן די צאָל זשעסטן ביז אַ מינימום, ווייל אומבאַמערקטע קליינע באַוועגונגען שטערן דעם צושויער אופֿנעמען די שפּיל. פֿון דער אַנדער זײַט דאַרף ניט קײַן קלענערע אויפֿמערק-

זאַמקײַט געלייגט ווערן אַף אויספֿירן די נעגאַטיווע פּערסאָנאַזשן. מע דאַרף געדענקען, אַז אונדזער קלאַסן-סוינע איז כיטרע און גאָרניט קײַן נאַר. ניט דערשאַצן דעם סוינע איז געפֿערלעך. דערפֿאַר דאַרף מען, שפּילנדיק די נעפּלײַט, ניט אײַנגיין אַף לײַכטזיניקע מעטאָדן פֿון שאַרזש און קאַריקאַטור.

די פּיעסע פֿון צ. דאָלגאָפּאָלסקי שליסט אײַן אין זיך פֿאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן פֿון דראַמאַטורגישער קונסט (דראַמע, סאַטירע, וואָדעוויל)—דעריבער דאַרף יעדער סצענע אַנטשפּרעכן איר כאַראַקטער.

די סצענעס פֿון ערשטן אַקט (די פֿאַבריק) און דריטן אַקט (אויסער דער כאַסענע)—דראַמאַטישער פּלאַן. אין דידאָזיקע סצענעס דאַרף אָנגעווענדט ווערן אַ ברייטער, שאַרפֿער זשעסט, אַ זיכערע, פֿעסטע באַוועגונג. אין די סצענעס „מיקווע“, „באַ ראַבינאָקן“ און „כאַסענע“—קאָנען די כאַראַקטערן פֿון די פּערסאָנאַזשן זײַן לײַכט אונטערגעשטראָכן. און ס'איז דערלאָזבאַר געדיכטער מאַכן די פֿאַרבן—אָבער נאָר ביז אַ געוויסער גרענעץ.

אין דער שטעלונג „מאַשינעס-געראַנגל“ דאַרפֿן זײַן שטאַרק באַטאָנט פֿאָלגנדיקע מאָמענטן: 1) די אַרויסטרעטונג פֿון קאָמיוגיסט בלאַט אין פֿינאַל פֿון ערשטן אַקט אַף צו פֿאַרטיידיקן די ראַציאָנאַליזאַציע—דער ענטוזיאַזם פֿון דער יוגנט אין דער בויונג. דידאָזיקע ראָל דאַרף מען געבן אַ יונגן הייסן אויספֿירער מיט אַ גוטן קאָל, גוטער דיקציע און באַוועגלעכן פּאָנים. 2) ווען ס'קערט זיך אום די דעלעגאַציע פֿון טשערוויאַקאָוון (פֿינאַל פֿון 2-טן אַקט) דאַרף מען אונטערשטרײַכן דעם אופֿברויז-מאָמענט פֿון קלאַסן-באַוווסטזײַן באַ די אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער. 3) די זיצונג פֿון דער פּאַרטקעמערל (אין דריטן אַקט). אין דערדאָזיקער סצענע דאַרף מען ווײַזן אין דער פּערזאָן פֿון דרייזין, דווירע און בלאַט—אַנטשיידענע און פֿעסטע באָלשעוויקעס-ענטוזיאַסטן פֿון דער פֿאַבריק. די גאַנצע סצענע דאַרף געשפּילט ווערן אין אַ גיכן טעמפּ—אָנגעשטרענגט, אָפּגעהאַקט, לעבעדיק. 4) דער פֿינאַל פֿון 3-טן אַקט—די דערפֿענונג פֿון אַ נײַעם קאָרפּוס—ענטוזיאַזם פֿון דער גאַנצער פֿאַבריק, מונטערע באַוועגונגען, פֿריידיקע אויסרופֿן, געלעכטער, לידער, הויכע, פֿײַערלעכע אויסגעשרייען. די גאַנצע סצענע דאַרף, דערנעענטערנדיק זיך צום סאָף, פֿאַרשטאַרקן דעם אײַנדרוק. עס באַווײַזן זיך נײַע מענטשן. יעדער רעדנער טרעט אַרויס אונטער אַפּלאָדיסמענטן און כאַוועריִשע אויסגעשרייען.

די אויספֿאָרמירונג.

מע דאַרף זאָרגן וועגן דעם, אַז די דעקאָראַציעס זאָלן באַם מאַקסימום עפֿעקט זײַן אויסערגעוויינטלעך פּאָשעט, לײַכט און באַקוועם איבערצושטעלן. דער סאַמע באַקוועמער פּרינציפּ פֿון אַ קלובישער אויספֿאָרמירונג—זײַנען

פאניר-שירמעס. אויסער לייוונטן איז גענוג צו האבן פאר דער פיעסע פינף-זעקס שירמעס פון פארשיידענע פארבן. דער גרונט-טאן פון דער פיעסע איז א מאזשארער, באשטעטיקנדיקער. די דעקאראציעס דארפן אנטשפרעכן די שטימונג פון דער פיעסע און זיין העלע, אנגענעמע פארן אויג, פריידיקע. אין ערשטן אקט איז לאכלוטן ניט אבליגאטאריש געבן די ארבעטער בא די מאשינעס, מע קאן אוועקשטעלן אין דער טיף און בא די ווינקלען אייניקע ווייסע, גרינע, רויטע שירמעס, אף זיי דיאגראמעס, גרויסע העלע וואנט-צייטונגען, פראיעקטן פון נייע קארפוסן, מוסטערן פון דער פאבריק-אויסארבעטונג. דער צווייטער אקט קאן זיין ווייניקער רייך אין פארבן,—עס ווערן אויסגענוצט די-זעלבע שירמעס אף דער צווייטער זייט. דערפאר דארף דער דריטער אקט אין זיין פינאלן-טייל זיין א יאנטעוו פון ליניעס און פארבן. פאסן פון פארשיידנפארביקע לייוונטן זיינען אנגעצויגן אין אלע ריכטונגען. אינמיטן איז די טריבונע אויסגעצירט מיט פאנעס און פארטרעטן פון די פירער. אפן הינטערשטן פלאן, העכער, קאנען זיך אויסזעצן די מוזיקאנטן פון בלאז-ארקעסטער. אלע איבערשטעלונגען אין די האפסאקעס צווישן די בילדער אין דריטן אקט דארפן זיין זייער קליינע. מע קאן איבערבייטן נאר די מעבל און באזונדערע דעטאלן אף די ווענט.

כאראקטעריסטיק פון די הויפט-פערסאנאזשן.

דרייזין איז א מענטש מיט א פעסטן כאראקטער, רעדט ווייניק, צעווארפט זיך ניט, הערט און קוקט זיך אופמערקזאם צו צום ארום. אין טאגטעגלעכן לעבן איז ער פאשעט און טיילט זיך ניט אויס פון די איבעריקע ארבעטער. ווייך אין די באציונגען מיט ארבעטער, שטרענג—אין דער באגעגעניש מיט ראבינאקן.

דווירע—איז א פעסטע, ארבעטפעיקע, ענערגישע מיידל. אן אויסגעהאלטענער פארטיי-מיטגליד, רעדט דייטלעך, הויך.

פאבער איז מאגער, גיך און שפיציק אין זיינע באוועגונגען. פאמיליאריש מיט אלעמען. גרויסהאלטעריש. א מענטש מיט ניט קיין גרויסן געדאנקען-קרייז.

זאיע — א נערוועזע אנגעכאפטע, קאפריזנע פערזאן, גייט גיך אריבער פון איין שטימונג אין א צווייטער. זי איז קאקעטיש, טוט זיך אן שרייענדיק.

באדורין איז א סקעפטיק, ברומט שטענדיק עפעס אין זיך, גייט שטענדיק מיט פאפקעס און ביכער אונטערן ארעם, איז אויסערלעך בייז, אין טאך אבער אפילע א גוטער. ער איז גייסטיק באגרענעצט, לעבט נאר אין דער אטמאספער פון באלאנסן.

ארעש איז אין ערשטן אקט א פאבריק-בוואטיאר, רעדט בעקיוון הויך, לאכט מיט אן אפענעם כוצפעדיקן געלעכטער, גייט מיט א ברייטן שווערן טראט, איז שווערוואגיק. אין דריטן אקט בייט ער ניט זיינע אויסערלעכע שטריכן, נאר ווערט אייגנגעהאלטענער און ווייכער אין געשפרעך.

ראבינאק איז כוצפעדיק, ציניש, כיטרע, איינגעגלויבט אין זיך. די איראניע איז די גרונט-פארב פון זיין כאראקטער. די פיגור איז א מאסיווע.

בלאט—א לעבנלוסטיקער, דרייסטער, אקשאנעסדיקער קאמיוגיסט, א גוטער כאווער.

די מאסן-סצענעס דארף מען בויען אזוי, אז אלע פיגורן, וואס געפינען זיך אף דער סצענע, זאלן לויט דער מעגלעכקייט פארפילן אלע יטאכים.

צייטנווייז קאן מען די מאסן טיילן אף גרופן, נאר אזוי, אז די פאדערשטע פיגורן זאלן ניט פארשטעלן די, וואס שטייען אין הינטערגרונט. צווישן יעדן אויספירער אין די מאסנסצענעס דארף מען איינשטעלן א געוויסן אינטערוואל, קעדיי עס זאל זיך ניט פארלירן די אויסדריקלעכקייט פון יעדער באזונדער פיגור.

יעדער איינער אין דער מאסנסצענע דארף זארגן פאר דער אויסדריקלעכקייט פון זיין קערפער און ניט שטיין פאסיוו אין מאמענט פון א גרויסער סצענישער אנגעשטרענגטקייט.

דער ספעקטאקל „מאשינעס-געראנגל" דארף ארויסרופן באם צושויער: הייסן מיטגעפיל פון די ארבעטער צו די ענטוזיאסטן, סינע צום קלאס פון דער שטאטישער בורזשואזיע. דער צושויער דארף דערמוטיקט ווערן דורך דעמדאזיקן ספעקטאקל, קעדיי אף מארגן נעמען נאך אן אקטיווערן אנטייל אין דער טאגטעגלעכער בויונג פון סאציאליזם.

רעזשיסאר פון ווייסרוסישן יידישן מעלוכע-טעאטער

ו. גאלאוטשינער.

אַנטײלנעמער:

דרײזין—35 יאָר, קאָמוניסט, דירעקטאָר פֿון אַ נײַער טריקאָטאַזש־פֿאַבריק װעלכע איז נאָך ניט אײַנגעאָרדנט.

פֿאַבער יאָסעף—28 יאָר, קאָמוניסט. פֿאָרזיצער פֿון פֿאַבקאָם, נערװעזע באַ־װעגונגען, רויכערט אַסאַך, האָט ניט קײן געדולד אויסהערן דערװידערונגען.

דװירע—פֿאַבערס אַ נאָענטער פֿרײַנט, 24 יאָר, סעקרעטאָר פֿון קאָמקעמערל.

בלאַט—22 יאָר, קאָמיוגיסט, רעדאַקטאָר פֿון דער װאַנטצײַטונג.

ראַבינאָק—רעב אַרקע, איבער 60, אַן אײגנטימער פֿון אַ ניט נאַציאָנאַלי־זירטער הויז, פֿאָרזיצער פֿון דער רעליגיעזער קעהילע און כעװרע „האַכנאָסעס־קאַלע“. אַ קלוגער נאָך קרעפֿטיקער ייִד.

זעלמאַ אַרקאַדיעװנאַ אָדער זאָיע,—ראַבינאָקס טאָכטער און דרײזינס פֿרוי, גרויסט זיך מיט דעם מאַנס לאַגע, פֿון צײַט צו צײַט װײַזט אַרויס אַ שטרעבונג אַלײן אַרײַן אין דעם מאַנס סוויווע.

פֿינמאַן מיכאַיל—33 יאָר, ראַבינאָקס אַ קאָרעװ און פֿרײַנט, שאַדכנט זי צו זאָיען, שרײַבט בריװ אין דער אויסלענדישער װײַסגװאַרדעישער פּרעסע.

גערשט—45 יאָר, געװעזענער אײגנטימער פֿון אַ טריקאָטאַזש־פֿאַבריק.

ביביק—40 יאָר, אַ געװעזענער הויז־אײגנטימער, װעלכער װיל זיך אײַנקויפֿן אין אַרבעטערישן ייִכעס.

גנעסיע—אַ פֿאַרזעסענע מײדל, אַן אַרבעטערן, װעלכע איז ניט לאַנג אָנגע־קומען אַף דער פֿאַבריק, ביביקס קאַלע.

אָרעש—אַ געזונטער האַריקער אַרבעטער, טרינקט.

כאָנצע—50 יאָר, רירעװדיק, האָט ליב מוזיק, אימיטירט.

גנענדל—48 יאָר, אַ געװעזענע פֿרײלעכע מויד, דינט אין מיקװע־שטיבל.

באַדורין—אַן אַלטער בוכהאַלטער, אַן ערלעכער מאַן און אַן אַקשן.

אַבלאַמונטשיק—אַ בערדיקער אַרבקאָר, אַ װײניק־איװרעדיקער.

צװיק—אַן אַרבעטער פֿון מיטעלן עלטער.

שײנע צורע—אַן אַרבעטערן.

סאָרע—אַן אַרבעטערן, אַ שרײַערקע, אַ יאָר 40.

מאָרדיק—אַ סאָװעטישער באַדכן און אַ צײַטונג־פֿאַרקױפֿער.

פֿישקין—ראָװ. **אַנצל**—אַן אַרבעטער. **לערנער**—אַ קאָמיוגיסטן. אַרבעטער, אַרבעטערנס, קלעזמער.

קומט פֿאָר אָנהויב 27־טן יאָר אין אַ געװעזענער גובערניאַלער שטאָט, איצט אַ קרײַזישער צענטער, מיט אַ גרויסער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

ערשטער אַקט.

אין דער גאַנצער ברײט פֿון דער בינע שטײען אין רײ אַרבעטער און אַר־בעטערנס, דאָכראָװ יונגװאַרג. מע טומלט און מע שטויסט זיך, יעדערער װיל פֿאַרכאַפּן אַן אָרט נעענטער צו דער קאַסע.

עלטערע אַרבעטערנס.

— איך האָב געדרײט! איך האָב געװוסט—די אַלטע מאַשינע איך דרײ. זיך אין קרענק און דרײ.

— און איצט איז ביטער... קאַליקאַציע הײַנט, קאַליקאַציע מאָרגן—די פֿאָדעם רײַסט זיך.

— מע איז די גאַנצע יאָרן געזעסן, און איצטער גאָר שטײן בײַ דער מאַשין.

— דו זאָגסט שטײן. שטײן װאָלט גוט געװען—אומלויפֿן פֿון אײן מאַשין צו דער צװײטער, װי אַ מויז איבערן פּאַסטקע.

— אַף אונדזערע קעפּ.

— זײ דערגײען אונדז די יאָרן.

— קאָרעס־יאָרן דעם דירעקטער.

— ער מעג שטײן אין װאַלד—אַף אײן מענטשן זעקס מאַשינעס—קאַליקאַציע!

— און מע פֿירט, און מע פֿירט נײַע מאַשינעס...

— זײ זאָגן 12 מאַשינעס אַף אײן מענטשן.

— אַלץ דער יונגער שמאַד.

אַבלאַמונטשיק מיט אַ צײַטונג אין האַנט.

לאָזט אַ װאָרט איבערלײענען. לײענט „די נײַע מאַשינעס ראַנגלען זיך מיט די אַלטע מאַשינעס“, דײַן מעלאָכע, בלאָטאָק: „דער נײַער שטײגער ראַנגלט זיך מיט דעם אַלטן שטײגער, דער עלטערער אַרבע־טער איז בײַ אונדז נאָך גענוג אָפּגעשטאַנען. בײַ דער אַרבעט קענט איר נאָך הערן אַ כאַזאָנישע שטיקלע... פֿון מאָזיר“.

בלאַט.

פֿון מאַכוער.

אבלאַמונטשיק.

נאַ זע—פֿון מאָזיר. און דער אוילעם לעקט די צינגער.

בלאַט.

די פֿינגער.

אַבלאַמונטשיק.

די צינגער.

בלאַט.

קאָן מען לעקן די אייגענע צונג?

אַבלאַמונטשיק.

אַז די רעדאַקציע שרײַבט, אַז מע קאָן, מיסטאָמע קאָן מען, עהע... אָט ווי מע שנעלט אונדז. לייענט „אָט רעדט מען אין פֿאַבריק, אַז איינע אַן אַרבעטערן האָט כאַסענע פֿאַר אַ געוועזענעם בורזשוי. דער פֿאַבקאָם פֿאַרשטייט ניט, אַז דאָס איז אַ פֿלעק אַף דער גאַנצער פֿאַבריק...״

אָרעש.

פֿלעק-לעק-לעקער... לאָזונגען, און אַז דער דירעקטער אַליין, דער פּראָלעטאַרסקער אונדזערער, דער אַרויסגערוקטער, האָט זיך צוגעטוליעט צו די ראַבינטשעקלעך... פֿלעק-לעק-לעק... לאָזונגען. צוגעזאָגט אונדז געבן געלט אין קאָנווערטן... כאַ-כאַ-כאַ.

עלטערע אַרבעטער.

— צוגעזאָגט אונטערטראָגן יעדערן צום טיש.

— און צוגעזאָגט אונדז ווינטעלאַטאָרן.

— מע דאַרף זאָגן ווענטילאַטאָרן.

— ניין, ווינטילאַטאָרן, פֿונם וואָרט „ווינט״.

— ניין, ווענטילאַטאָרן, פֿונם וואָרט „ווענט״.

— ניין, פֿונם וואָרט ווינט.

אָרעש.

טאַלמעטוירעניקעס, ווערט אַנטשוויגן! ווינט צי ווענט, אַבי עס דרייט זיך ניט. ווי רופֿט דער דירעקטאָר זײַן מאַדאַם?

אַרבעטער.

— זשאַניע, זשי-יאַ-יע, זשי-יאַ-יע.

— און געוואָלט זיך פֿאַרשרײַבן אין פּראָלעטאַרקעס.

— צו די נײַע מאַשינעס.

— אַף דעם אָרט פֿון די פֿאַרקירצטע.

— וער, די מאַדאַם זשי-יאַ-יע?

— אָבער פֿאַבער האָט איר געגעבן די פֿור. אויסגעריכט מיט אַ פֿו-טער-בולקע... פֿייַט אַ שטויס אַן אַרבעטער.

עס הערט זיך מאָרדיקס שטים הינטערן סצענע, ער גראַמט. אַן אַרבעטער שרײַט אויס:

— צײַטונגען, דער גראַמטשיק גייט.

מאָרדיק.

פֿרישינקע בלעטער, געלט וועט איר געבן שפּעטער! נײַס אינטערע-סאַנטע, געפֿייגערט די אַגטאַגנטע, און די מאַדאַם פֿון אַמסטערדאַם די צווייטע האָט געבוירן אַ קינד אַ טויטע.

אַן אַרבעטער.

— און אָרטיקע נײַס.

מאָרדיק.

און אָרטיקע נײַס—אַלטע מײַז האָבן זיך באַהאַלטן אין סאָוועטישע אַנשטאַלטן, מײַז צווייפֿיסיקע, מיט העלדזער פֿליסיקע.

אַן אַרבעטער.

— נו, און בײַ אונדז פֿון פֿאַבריק?

מאָרדיק.

נײַס פֿון פֿאַבריק, מיר גייען פֿאָרויס צי צוריק? אונדזער ווענטי-לאַטאָר איז פֿאַרמאַטערט און פֿאַרקאַטערט, כאָטש מע מאַכט אַ פֿאַרקן אַ שטאַרקן. שטיל דרייזין, דרייזין, דירעקטער אופֿגערעגטער, ווער טראָגט בײַ דיר הויזן.

עס קומט אַרײַן אַ פֿאַרשעמטיקע גנעסיע און זוכט אַן אָרט נעענ-טער צו דער קאַסע.

יונגע אַרבעטער.

— מאַכט אַ וואָרע, די קאַלע איז געקומען.

— אַהערצו גנעסיע.

— אַהערצו, גנעסקעלע.

— אַהערצו.

מאָרדיק.

לאָזט צורו גנעסיען, זי וויל אויך עסן.

— אַהערצו.

מע שטופּט גנעסיען פֿון איין אָרט צום צווייטן, נעענטער צו דער קאַסע.

כאָר.

מאַזלטאָוו, מאַזלטאָוו—גנעסיע האָט כאַסענע מיט אַ בורזשוי.

— מיט אַ געוועזענעם.

גנעסיע.

איך האָב אײַך אַלעמען אין דרערד.

— מיט אַ בורזשוי מיט אַ געוועזענעם, יאָטן מיטאַמאָל.

כאָר.

אוי-אוי-אוי-אוי-אוי-אוי, מיט אַ געוועזענעם בורזשוי.

גנעסיע.

איך האָב אײַך אַלעמען אין דרערד. די קאָמסאָמאָלקעס... די קאָמ-סאָמאָלקעס זײַנען מיר מעקאַנע—ווערט צעפּלאַצט...

לערנער מיט עטלעכע ביכלעך אין האַנט, קריכט אַרויף אַף אַ טאַבורעטקע.

אָנגעקומען נײַע ביכלעך אין רויטן ווינקל. וועגן שיקרעס. באַחײַוש דאָס שאַר-בלעטל אַרבעטער, געדענק! ניט גיי אין שענק.

אַן אַרבעטער עפנט אַ ביכל, לייענט אײנסאָניק.

„צוויי אַרבעטער זײַנען געגאַנגען פון דער אַרבעט. זאָגט אײנער: לאָמיר פאַרקירעווען, לאָמיר—ענטפערט דער צווייטער—„און איך גיי אויך מיט אײַך", האָבן זיי דערהערט פונהינטן אַ פרויען-שטים. „שפּיאָנקע, דו הינסט מיך!" האָט איינער דערהערט זײַן ווײַבס שטים אין דער פינצטער. „יאָ, איך היט דיך, די דייזשקעלע איז אַ פּוסטע".

לערנער.

אַזוי לייענט מען? אָט ווי מע לייענט לייענט.

אַן אַרבעטער.

— טשאַהאָ ראַזסקאַזיוואַיעש... פראָ האַזערד?

אָרעש.

יאָ, מיר ליגן אין דרערד. מיר דאַרפן ניט קײַן מײַסעלעך...

מע קלאַפּט, מע פײַפט, מע טומלט זיך. עס גייט אַרויס אין ברילן באַדורין.

באַדורין. האַלט אויס אַ לאַנגן שווײַגן, באַטראַכט דעם עולם איבער די גאָלדענע ברילן.

קוסטאַרן! לאָזט אַרבעטן, קוסטאַרן! איר הערט, קוס-טאַ-רן!!!

שטימען.

געלט! צאָלט געלט! ניט שרעקט אונדז! געלט גיט!

באַדורין.

מאָרגן.

אָרעש.

ווערט דערוואָרגן... מען דאַרף ניט פאַרכאַפּן די וועלט, אַז אין קעשענע איז ניטאָ קײַן פּרוטע.

באַדורין.

וועט איר ניט טומלען—מאָרגן, וועט איר טומלען—איבערמאָרגן אָפּ.

אַן אַרבעטער.

צום דירעקטאָר, כאַווײריִם, צום דירעקטאָר.

אָרעש.

ברענען זאָל די פאַבריק, מיט רויך זאָל זי אַוועק, אופרייסן די פאַבריק.

— וואָס האָסטו געזאָגט?

אָרעש.

איך האָב געזאָגט: מיט רויך זאָל זי אַוועק.

צוויק.

ער איז שיכּור!

אָרעש קלאַפּט זיך אין האַרצן, אַ גרויסע אַרבעטער רינגלען אים אַרום.

איך בין ניכטער. ברענען זאָל די פאַבריק.

אַרבעטער אויפגעבראַכט.

— אַרעסטירן.

— אַרויסשמײַסן פון פאַבריק.

— שטראַפירן.

— מענשעוויק.

אָרעש.

איך בין אַ מענשעוויק! לאָזט מיך צו אים! איך צערײַב אים אַף מעל...

אַרבעטער.

— לאָזט מיך צו אים.

— קאָנטר-רעוואָלוציאָנער.

אָרעש.

לאָזט מיך צו אים!

אַרבעטער שטילן אײַן די שרײַער. דער עולם גייט זיך פאַנאַנדער. אין אַ ווינקל אָרעש און אַנצל. עס גייט אַרײַן באַדורין.

באַדורין צו דווײַרען.

איר מיינט, אַז זיי זײַנען אומגערעכט? אַף מײַן ייִד, גערעכט.

דווײַרע.

איר האָט ניט געקענט אויפהענגען אַ מעלדונג?

באַדורין.

איר, דווײַרקע, אויך? ביז דער לעצטער מינוט האָבן זיי אונדז צו-געזאָגט געלט, אי, אַ בענקעלע, אי, אַ בענקעלע האָבן מיר אָפּ.

אָרעש.

אין דרערד מיט די האָר.

אַ נ צ ל.

וואַרט נאָר. דו מיינסט טאַקע מיִט אַן עמעס: עס זאָל ברענען די פאַבריק.

אָ ר ע ש.

קיין פאַקטאָרן דאַרף מען דאָ ניִט.

אַ נ צ ל.

איִך ביִן אַ פאַקטאָר??! און באַ דער פאַרטיי מעג מען זיין אַ פאַקטאָר.

אָ ר ע ש.

דו האָסט זיך צוגעשמיִרט.

אַ נ צ ל.

צוליִב וואָס?

אָ ר ע ש.

ווייס דיִך דער גוט יאָר... וויַיז מיִר אַ קוק טאָן דייַן דאָזיק ביִכעלע, טל-טל-טל.

אַ נ צ ל.

נאָ, קוק... באַווייַזט אַ פויסט ווען ניִט דאָס ביִכעלע, וואָלט איִך אַרייַנגעשפאַרט מייַן קולאַק איִן דייַן מיאַליצע און אַרויסגעשלעפט דייַן ווערימדיִקע צונג. אָרעש, ווער אַ מענטש, אָרעש.

אָ ר ע ש לאַכט. פאַרוויכערט.

אָט דאָס פאַרשטיי איִך: אַ ווייטיִק דיִר איִן בויך, ביִסט מיִט אַ לאָזונג... ווילסט אַ פאַפיִראָס?

ביידע, פאַרלאָזנדיק די סצענע, פאַרוויכערן. זיי אַנטקעגן—דרייזין.

אָ ר ע ש.

אַהאַ, געפאַקט! ווו זייַנען די קאָנווערטן? די פאַרמאַכטע קאָנווערטן ווו זייַנען?

ד ר יי ז יִ ן צעטומלט.

אַהאַ, וואָס? קאָנווערטן? גייט דורך.

אָ ר ע ש.

אָבער איִן קאָנווערטן? געדענק, דיִרעקטאָר, איִן קאָנווערטן! היִט דעם לאָזונג—קאָנווערטן! אָפּ.

ג ע ר ש ט

וואַסער—זייערע, פייַער—זייערע, לופט—זייערע.

ל ע ר נ ע ר.

אייַך האָט ווער דורכגעלאָזן?

ג ע ר ש ט.

דאָ גייט מען צום דיִרעקטאָר?

ל ע ב נ ע ר.

פון איינמאָל ביִזן צווייטן פאַרגעסט איִר דעם דורכגאַנג. איִך זע אייַך דאָ ניִט אַן ערשטן מאָל.

ג ע ר ש ט.

אַ בייזע כאַווערטע.

עס געדויערט באַ אַ מינוט, ביז דער צווייטער פאָרהאַנג ווערט געעפנט. היִנטערן סצענע הערן זיִך אויסגעשרייען פון בויער. עס דערטראָגן זיִך פון פאַבריק־הויף קלאַנגען פון זעגן, קלעפּ פון האַמערס און פון העק. דרייזיִנס „קאַבינעט" און אַ טייל פון דער קאַנטאָר. באַ די ווענט אָנגעוואָרפן קאַסטנס, קעסטלעך, פעקלעך, טיילן פון מאַשינעס, מוליארישע געצייַג. אַלץ טראָגט אַ כאַראַקטער פון צייַטווייַליקייַט. עס סקריפּען די טיִרן, עס שמייַען אום אַרבעטער און אַרבעטערנס פון איין טיִר איִן דער צווייטער איִן היִנטערגרונט. אָפט וואַנט הענגט אַ צייַטונג. אַרבעטער גייען צו, שטעלן זיִך אָפּ אַף אַ ווייַלע און גייען אַוועק אָדער מיִט אַ שמייכל אַף די ליִפּן, אָדער מיט ביִטל אַ מאַך טוענדיִק מיִט דער האַנט אָדער נאָכאַמאָל אומקערנדיק זיִך מיטן פּאָנים צו דער צייַטונג.

ג ע ר ש ט.

איִך גיִב אייַך אַוועק די מאַשינעס פאַר אַ דריִטכיילעך, ווי איִר האָט מיר געבאָטן מיט דרייַ כאַדאָשים צוריק.

ד ר יי ז יִ ן.

אַף ברוך דאַרף איִך זיי ניִט.

ג ע ר ש ט.

אייַער פאַבריִק האָט דערשלונגען מייַן פאַבריִקל, איז דערשלינגט זי שוין מיט די מאַשינעס, כי-כי...

ד ר יי ז יִ ן.

איִר ווערט מיך ניִט אייַנריידן, איִר פאַטערט אומזיסט צייַט.

ג ע ר ש ט.

איִר האָט געגעבן אַ וואָרט, אַז איִר וועט קויפן.

ד ר יי ז יִ ן. ניִט קוקנדיִק אַף גערשטן, באַווייַזט אים מיִט דער האַנט די טיִר.

איִך-וועל-ניִט-קויפן!

ג ע ר ש ט אַוועקגייענדיִק.

די וועלט איז זיי ווייניִק. וואַסער—זייערע, פייַער—זייערע, לופט—זייערע.

ד ר ײ ז י ן.

טראָגט זיך אָפּ, גערשט.

דרײזין און פֿאבער גײען אום הין און צוריק איבער דרײזינס קאבינעט, אײנער אנטקעגן דעם אנדערן בײנע אין שװײַגנדיקע. עס גײט אַרײַן כאָנצע און באטראכט זײ בײדן פֿאַרװוּנדערט און מעלדעט.

כ אָ נ צ ע.

די דעקער בעטן נאָך טשועקעס. צום פּאַרקאַן פֿעלט אויס אַ קנײַכל שטעכעדיקע דראָט... דאָס בענזין-שטעלכל, װאָס צו ראַבינאָקן, צו אײַער שוער, װעט איר אויך פֿאַרדראָטעװען?

ד ר ײ ז י ן.

„פֿאַרדראָטעװען”... עס קומט אַרײַן באַדורין. באַדורין! די בויער פֿעלט טשועקעס—קומט מען צו מיר.

ב אַ ד ו ר י ן האַלט אויס אַ גוטמוטיקן שװײַגן.

כאַװער דרײזין, איך האָב אויך גענוג אַרבעט אָט און קערט זיך באַלד אום צוריק. איר זאָלט װיסן זײַן, כאַװער דרײזין, אַז איך האָב אויך גענוג אַרבעט... מע דאַרף צונױפֿשטעלן רעשימעס אַף 800 אַרבעטער, די פּלוימעװאַקסט, און הענט איז בײַ יעדערן נאָר צװײ. איר זעט? צװײ הענט.

ד ר ײ ז י ן.

און אַ קאָפּ אַף די פּלײצעס.

ב אַ ד ו ר י ן.

און מער ניט װי אײן קאָפּ, װאָס װײס ניט פֿון טאָג און פֿון נאַכט.

ד ר ײ ז י ן.

באַנאַכט קאָנט איר שלאָפֿן.

ב אַ ד ו ר י ן.

אַז מע האָט ניט קײַן באַלאַנס, קאָן מען שלאָפֿן. אָט און קערט זיך אום צוריק. כאַװער דרײזין, מע קאָן שלאָפֿן, אַז מע האָט ניט קײַן באַלאַנס.

ד ר ײ ז י ן.

גוט, גוט, באַלאַנס.

ב אַ ד ו ר י ן קערט זיך אום

אַז מע האָט ניט קײַן באַלאַנסן.

ד ר ײ ז י ן.

גוט, גוט—איך הער.

באַדורין גײט אַװעק, קערט זיך אום באַלד צוריק, װיל װאָס זאָגן, האָט כאַראָטע. גײט אַװעק. פֿאבער און דרײזין, בײדע אויפֿגערעגטע, כאַפּן אַרויס די פּראַזע אײנער בײַ דעם צװײטן פֿון מויל.

ד ר ײ ז י ן.

די פֿאַבריק שטעלט זיך ערשט אַף די פֿיס, װידער אַרײַנגענומען נײַע 300 אַרבעטער... דרײַ הונדערט...

פֿ אַ ב ע ר.

װעלכע דער פֿאַבקאָם איז מעכויעװ באַדינען...

ד ר ײ ז י ן.

שאַפֿן פֿאַר זײ אַן אָרט װוּ צו אַרבעטן...

פֿ אַ ב ע ר.

כאָטש אַ װעלכן ניט איז לעניִן-װינקל...

ד ר ײ ז י ן.

באַזאָרגן מיט רויװאַרג, דו הערסט—מיט רויװאַרג...

פֿ אַ ב ע ר.

איך הער. אַ ביבליאָטעק, אַ לײען-זאַל...

ד ר ײ ז י ן.

פֿאַרשטאַרקן די דיסציפּלין, פֿאַרקלענערן דעם בראַק.

פֿ אַ ב ע ר.

יאָ, יאָ—אַ שיסער-קרײַז, אַ ספּאָרט-קרײַזל...

ד ר ײ ז י ן.

אָרגאַניזירן דעם אָפּזאַך...

פֿ אַ ב ע ר.

געװיס—אַ זומער-גאָרטן... איך דאַרף אַ גאָרטן...

ד ר ײ ז י ן.

און ספּעץ-קלײדער, און אײַנצאָלן אין סטראַכקאַסע...

פֿ אַ ב ע ר.

אַװאַדע—אַן אָװנט-שול, אַ קלוב צו װינטער.

ד ר ײ ז י ן.

באַזאָרגן מיט דירעס צען געזינדן פֿון די אַראָפּגעטראָגענע הײַזער.

פ א ב ע ר.

אַרויסרײַסן דעם אָפּגעשטאַנענעם אַרבעטער פֿון קלויז און די אַר-בעטערן פֿון מיקווע...

ד ר ײ ז י ן.

אײַנפֿירן אַרבעט-צעטײלונג, מעכאַניזירן די נײַע צעכן, פּאָטער ווערן פֿון די אַלטע אַרבעטער.

פ א ב ע ר.

ווי גרינג דו ווערסט פּאָטער... אַ דראַמקרײַז, אַן אָנפֿירער צו אים, אַ באַלאַלײַקע-אָרקעסטער...

ד ר ײ ז י ן.

כאַ-כאַ-כאַ! באַלאַלײַקעס... דו האָסט געזען, וואָס עס האָט זיך גע-טאָן בײַ דער קאַסע? באַלאַלײַקעס—כאַ-כאַ-כאַ...

פ א ב ע ר.

יאָ, יאָ—באַלאַלײַקעס. די אַרבעטער זײַנען נאָך ניט דערגאַנגען ביז קלאַוויר, קלאַוויר האַלט מען ערשט בײַ די ראַבינאָקס, צום באַדוריערן.

ד ר ײ ז י ן.

וואָס ווילסטו זאָגן דערמיט?

פ א ב ע ר.

אָט, איך וויל דיר דערמאָנען די ראַבינאָקס, דו זאָלסט מער ניט לאַכן אַזוי.

ד ר ײ ז י ן לאַכט.

באַלאַלײַקעס לאַכט. פּלאַפּלער.

פ א ב ע ר.

ווערסט פֿיגורירן אין קאַ-קאַ. דערנאָך אין געריכט...

ד ר ײ ז י ן.

און פֿון געריכט אין דאָפּר...

פ א ב ע ר.

אַבי דו פֿאַרשטייסט.

ד ר ײ ז י ן.

...מאַך דאָס ביכער... אינדערהײם איז אָנגעגרייט אַ קישעלע מיט אַ קאָלדרע.

פ א ב ע ר.

די אַרבעטער קערן אָפּ אַף דעם צווייטן טראָטואַר, אַז זיי באַגע-גענען דיך.

ד ר ײ ז י ן.

און דאָך וועלן אַלע זעכציק אַרבעטער און אַרבעטערנס אָפּגעזאָגט ווערן פֿון דער אַרבעט. זאָלן זיי זיך אָפּקערן אַפֿן צווייטן טראָטואַר.

פ א ב ע ר.

סאַדיסט!

ד ר ײ ז י ן.

מעלאַמדישקע, לאָז אַרבעטן.

פ א ב ע ר.

דו שטעלסט מיר פּלעקער אין די רעדער... דו ביסט זיך נויקעם אָן פֿאַבקאָם כאַפּט דאָס טעלעפֿאָן-טרײַבל. דרייזין שליסט אויס דעם טעלעפֿאָן, וועלכער איז צוגעפּעסטיקט צום טיש. סטאַנציע, סטאַנציע... סטאַנציע, פּראָפּראָט... קרײַזקאָם... סטאַנציע...

ד ר ײ ז י ן, באַווײַזט, אַז דער טעלעפֿאָן איז ניט פֿאַריינינקט.

צו זיך אין פֿאַבקאָם גיי. לאָז אַרבעטן, כניאָק.

פ א ב ע ר ביז מעשוגאַעס.

דו שטעלסט מיר פּלעקער אין די רעדער.

ד ר ײ ז י ן.

קריך ניט... שרײַט באַדורין! באַדורין באַווײַזט זיך. וויפֿל געלט האָט איר אין קאַסע. ברענגט די ביכער! באַדורין אָפּ. לאָז מיך—איך גיי אין פֿאַב-קאָם. איך גיי אַף דער פֿאַבריק, וווהין מע וועט מיך שיקן, גיי איך... באַדורין מיט די ביכער. איר האָט געזען היינט בײַ דער קאַסע.

ב אַ ד ו ר י ן.

געזען און געהערט. ווי זשע. און איר האָט געזען?

ד ר ײ ז י ן.

איז ווער שולדיק?

ב אַ ד ו ר י ן.

איך, באַדורין, איז שולדיק, געוויינטלעך.

ד ר ײ ז י ן.

איז וואָס רעכנט איר צו טאָן?

ב אַ ד ו ר י ן.

און וואָס רעכנט איר צו טאָן?

ד ר ײ ז י ן אַ קלאַפּ איבערן טיש.

צו מאָרגן זאָל זײַן געלט אַף אויסצאָלן די אַרבעטער!

באַדורין.

וואָס עפּעס צו מאָרגן. מע קען הײַנט נעמט אַרויס זײַן טײַסטער. אָט איז אײַך פֿון איין קעשענע און אָט איז פֿון דער צווייטער, און אָט איז פֿון דער דריטער טרייסלט אויס אויפֿן טיש די גאַנצע קאַסע אײַך.

דרייזין.

צו מאָרגן זאָלט איר געלט שאַפֿן! אין באַנק איז דאָ געלט!

באַדורין.

שרײַט ניט. איך בין באַ אײַך ניט קיין לערן-ייִנגל! איר זעט אַ קאָפּ?

דרייזין.

באַצײַטנס דאַרף מען גיין אין באַנק, באַצײַטנס געלט צו מאָרגן שאַפֿן.

באַדורין.

צו מאָרגן צוויי באַטאָג—אָט ווי איר זעט.
אָפּ און קערט זיך אום צוריק.

דרייזין.

באַצײַטנס דאַרף מען גיין אין באַנק.

באַדורין.

מײַן צווייוואָכיקע קאָמפּענסאַציע באַטרעפֿט 115 רובל... גייט אוועק און קערט זיך אום צוריק. 115 רובל מיט 66 קאָפּ. מײַן קאָמפּענסאַציע. אָפּ.

פֿאַבער.

מיִעס, כאַווער דירעקטאָר, אַזוי האַנדלט אַ מענטש, וואָס באַ אים איז שוין די מאַזאָליעס אָפּגעגאַנגען... זיי האַלטן שוין, אַפּאָניִם, באַ מאַ-ניקיור, ווי די ווײַב דײַנע...

דרייזין אַ קלאַפּ איבערן טיש.

די ווײַב מײַנע טשעפּע ניט!.. זי האָט געוואָלט אָנקומען אַרבעטן? האָט מען געוואָרפֿן אין פּאָניִם—דער מאַן איז אַ דירעקטאָר! דו האָסט איר צוגעלאָזן צו דער אַרבעט?

פֿאַבער.

ניט צוגעלאָזן. די ראַבינאָקס לאָזן מיר ניט צו.

דרייזין.

איז קריך ניט אין לעבער.

סקוואָרטשיק כאָנצע. הערט אויס, שטייענדיק באַ דער טיר, די לעצטע פֿראַזן פֿון פֿאַבערן און דרייזינען.

אין אַ נײַער הוט מיט אַן אומבאַקאַנטן מענטשן, אײַער פֿרוי, כאַווער דרייזין.

דרייזין שטרײַכט אונטער, אַז ער איז באַלעבאָס.

אַז מײַן פֿרוי, איז לאָז אַרײַן!

כאָנצע.

זי איז זייער אויסגעפּוצט—אײַער פֿרוי.
פֿאַבער לאַכט ניפּטיק.

דרייזין.

זאָלן זיי אַרײַנגיין, אויב מײַן פֿרוי.

ביידע גייען אום הין און צוריק איבער צימער. שווײַגנדיק אין אָנגעשטרענגטן וואַרטן. זאָיע גייט אַריין, נאָך איר—פֿינמאַן, וועלכער האָט מיט אַ קיוון אַראָפּגערוקט די הוט אויף די אויגן און עטוואָס אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. אין טיר שטייט כאָנצע און באַ-באַכטעט.

זאָיע.

זדראַסטיע, כאַווער פֿאַבער. איך פֿיר אַהער אַ גאַסט, פֿימע.

דרייזין.

מי-כאַ-י-ל! פֿונ-וואַ-נען פֿאַר-סטו—איר?

פֿינמאַן.

דער זעלבער שעמעוודיקער מאָסקאָוויק! וואָס פֿאַר אַ איר? דאָס ביסטו דירעקטאָר פֿון פֿאַרקאָווסקיס פֿאַבריק?

דרייזין.

פֿאַבריק אַפֿן נאָמען „פּראָפֿינטערן“.

פֿינמאַן.

געוועזענע פֿאַרקאָווסקיס—איצט „פּראָפֿינטערן“.

דרייזין.

פֿאַרקאָווסקיס מאַשינעס האָבן מיר שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפֿן.

זאָיע.

און דאָס איז דער כאַווער פֿאַבער, פֿאָרזיצער פֿון פֿאַבקאָם, וועלכער וויל בעשום אויפֿן ניט צולאָזן צו דער אַרבעט וועמען ניט איז פֿון די ראַבינאָקס, מעג דאָס זײַן אַפֿילע דעם דירעקטאָרס ווײַב אַליין.

פֿאַבער.

ניט צולאָזן.

פֿינמאַן.

ווען איר שטייט צו צו מיר מיט אַ כאַלעף, וואָלט איך ניט גע-גלויבט, אַז דרייזין, דער יאַט, דער שנײַדער-יונג פֿון ראַבינאָקס קעלער און זאָיע—אַ באַשערטע פּאָר... אַזאַ איבערקערעניש האָט נאָר געקענט

מאַכן דער סאָוועטישער טראַקטאָר, וואָס אַקערט דעם שטייגער אַזוי קונציק: רויערד פֿונונטן אַרויף, שמעקעדיקע בלומען צאַרטע פֿונויבן אַראָפּ... מאַצנע, פּיניע, מאַצנע, בראַטאַק.

פֿאַבער.

דער טראַקטאָר האָט באַדאַרפֿט טיפֿער נעמען, כאַווער. אונדזער סאָוועטישער טראַקטאָר נעמט, כאַווער, זייער פֿלאַך.

פֿינמאַן.

אין דירעקטן זין ווייס איך ניט, ווי אַ טראַקטאָר דאַרף אַרבעטן. איך האָב גיכער אַ שייַכעס צו פֿאַרב... איצט איז באַ אונדז אַ פּראָבלעם: סאָוועטישע פֿאַרב.

פֿאַבער *קימאַט שרייַט אויס.*

ער נעמט פֿלאַך, זייער פֿלאַך! *אַפּ.*

פֿינמאַן.

פֿאַרשטענדלעך... אַרבעט-שוץ... סכירעס... ווען מיר האָבן אַזעלכע דירעקטאָרן, דורכויס אַזעלכע דירעקטאָרן, ווי דער שנײַדער דרייזין... נו, וואָס, ראַציאָנאַליזאַציע, רעקאָנסטרוקציע, סאָציאַליסטישע אָנזאַמלונג...

דרייזין.

פֿונוואַנען פֿאַרט... איצט... איר?

פֿינמאַן.

זאָג דו... דו... מירן ריידן, מירן ריידן. מירן נאָך שמועסן *קלאַפּט איבערן פּלייצע דרייזינען ווײַט אַוועק,* ברודערל, מאַצנע, מאַצנע. און אָט דער צערבער האָט בעשום אויפֿן ניט געוואָלט אַרייַנלאָזן.

כאַנצע.

מײַן זאַך איז היטן די פֿאַבריק-ריטעטאָריע.

פֿינמאַן *לאַכט.*

ריטעטאָריע... האָסט זיך טאַקע פֿאַרמאָסטן אַף דעם גאַנצן קוואַרטאַל. אַפֿילע דעם שווער אויך ניט שאַנעווען? און איר, זעלמע אַרקאַדיעוונאַ, אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם מאַנס געשעפֿטן, איך קאָן זאָיען ניט זאָגן „דו“, כאָטש האַרגע. איך קאָן ניט... בליט, זאָיע, ניט מיט פּראָלעטאַרישן כיין.

זאָיע.

איך וויל דורכויס זײַן אַרבעטעריש.

פֿינמאַן.

זאָיע רײַסט זיך צום וועב-שטול... האַ-האַ-האַ-האַ-האַ. האָט דאָך זעלמע אַרקאַדיעוונע מיט אירע גלענצנדיקע פֿעיִקייטן געקאָנט זײַן ביז איצט אַ רויטער אינזשענער... נאָר לאָמיר זיי ניט שטערן *נעמט אַראָפּ די הוט* אָט וואָס, כאַווער דירעקטאָר, באַווײַז מיר דײַן פֿאַבריק און דעריקער די פֿאַרבערײַ.

עס קומט אַרײַן באַדורין אונטערשרײַבן אַ פּאַפּירל. ער באַטראַכט זאָיען, פֿינמאַנען, פֿאַרוויכערט.

דרייזין.

עפּשער וועט באַדורין זיך דורכגיין מיט דעם גאַסט. ווײַזט אים די פֿאַרבערײַ און גיט אַף אים אַכטונג.

באַדורין

ער זאָל זיך ניט אײַנפּאַטשקען? *צו פֿינמאַנען.* איר זײַט דאָך מיסטאָמע אַ פּאַרטיינער?

פֿינמאַן.

און איר?

באַדורין.

און איך? איך בין אַ... בוכהאַלטער. זאָגט מיר, בײַס מע וועט אײַנפֿירן קאָמוניזם, וועלן אויך זײַן בוכהאַלטאָרן.

פֿינמאַן.

אַוואַדע.

באַדורין.

איז ניט גוט, איז זייער ניט גוט *ביידע אָפּ.*

דרייזין *ווי אַ יינגל וואַרפֿט זיך צו זײַן ווײַב.*

זאָיק, ווי דו האָסט זיך עס הײַנט אָנגעטאָן? אי-אי-אי.

זאָיע *שפּילעט פֿאַנאַנדער דעם מאַנטל.*

און אָט איז אַ בלוזע אויך.

דרייזין.

אַן אויסלענדישע... וויפֿל קאָסט.

זאָיע.

גאָרנישט... כאַ-כאַ-כאַ.

דרייזין (ציט זי צו זיך, קושט זי.)

ענטפער!

זאיע.

מיר—געבראַכט אַ מאַטאָנע.

דרייזין.

פינ-מאַן.

זאיע.

יאָ, מישאַ.

דרייזין (מיט פאַרדראָס.)

און איך האָב פון דיר צאָרעס. געקומען אַזאַ אויסגעפוצטע אָף דער פאַבריק!

זאיע.

און אַז איך בין געקומען אין טיכל? און אַז איך בין געקומען אָט אַזוי, (שלײַדערט פון זיך אַראָפ דעם מאַנטל, כאַפט אַרום דעם קאָפּ מיט דעם זײַדן טיכל וואָס אָף איר הוט.) אָט אַזוי בין איך שוין אויך געוועזן דאָ. געוועזן צי נים? האָט מען מיך אַרויסגעוואָרפן, צי נים? (טוט זיך פלינק אָן אַרויסגעטריבן צי נים? „איך האָב פון דיר צאָרעס". איך האָב נים געוואָלט גיין. איך וועל שוין מער אַהער נים גיין (פאַ־לאָזט ראַשיק די סצענע.)

דרייזין (וויל זי פאַרהאַלטן.)

זאָיע, זאָינקע, זאָיק, קער דיך אום (אַ פאַרצווייפלטער, פאַרוויכערט.)

(עס גייען אַרײַן מיט אימפעט בלאַט מיט נאָך פיר-פינף אַרבעטער מיט באַלאַלײַקעס אין די הענט.)

לערנער.

כאַווער דרייזין, געפאַקט דיך—באַלאַלײַקעס.

דרייזין.

וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש?

בלאָט.

זאָל צעפאַלן די קאַפעלע צי ניט?

דרייזין.

זי קאָן צעפאַלן... פון מײַנטוועגן קאָן זי צעפאַלן...

בלאָט.

אַ קלאָג צו מיר, רויטער דירעקטאָר, ווײ איז מיר, דו ביזט אָפּגעריסן פון די מאַסן.

דרייזין.

אָבער מאַך דאָס גיכער.

בלאָט.

גיכער ווי עס דרייען זיך די ווענטילאַטאָרן דײַנע.

דרייזין.

באַשטעל אַ צאַצקע אין צײַטונג.

בלאַט.

אַז מע וועט דאַרפן, וועט מען באַשטעלן.

דרייזין.

רייד שוין.

בלאַט.

פופצן.

דרייזין.

וואָס פופצן?

בלאַט.

באַלאַלײַקעס, מאַנדאַלינעס, האַרמאָשקעס.

דרייזין.

האַרמאָשקעס?

בלאָט.

איז וויפל גיסטו אַרום און אַרום.

דרייזין.

וועסט גאָרניט באַקומען.

בלאַט.

רויטער דירעקטאָר... אין דײַנע הענט געפינט זיך אונדזער אינדוסטריע... דו האָסט דערשטיקט געזשען, דו, דו און דו.

דרייזין.

קײַן איין באַלאַלײַקע נים.

בלאַט (בײַט דעם טאָן.)

מיר דאַרפן פאָרן אין דאָרף צי ניט? מיר זײַנען שעפן צי נים קײַן שעפן? אָדער סקריאָגעס זײַנען מיר? אין אַלדי פינצטערע יאָר.

דרייזין.

וויפל קאָסט אַ באַלאַלײַקע?

בלאַס.

אַ דרײַערל פֿון אַ טשערוואָנעץ אויסגאַב.

דרײַזין.

אַ דרײַערל פֿון אַ טשערוואָנעץ אויסגאַב... וויפֿל מאַכט דאָס אויס, באַדורין! עס גייט אַרײַן באַדורין. ברויגעז? באַדורין איז ברויגעז? בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק?

באַדורין.

וואָרעם איך האָב צײַט ברויגעז צו זײַן.

דרײַזין.

די וועגטילאַטאָרן... מ'וועט זיי דאַרפֿן אויסקויפֿן... וואָס איז באַ פֿאַבערן מיטן קולטפֿאָנד? אַ נײַע גזיירע—האַרמאָשקעס.

בלאַט צו די ליבהאָבער.

לעבט אַ טאָג... די וואַנטצײַטונג וואַרט אַף מיר. אָפּ.

באַדורין.

מ'לאָזט אַ גראָשן ניט אײַנליגן אין קאַסע. אַ האָרב פֿונפֿאָרנט, אַ האָרב פֿונהינטן.

אָפּ צוזאמען מיט די ליבהאָבער.

גנעסיע האַסטיק.

דרײַזין, איך דאַרף אַן אַוואַנס.

דרײַזין באַווײַזט אַפֿן וואַנט.

לייען... גנעסיע!

גנעסיע.

כאַווער דרײַזין!!!

דרײַזין.

מיך רופֿט מען דרײַזין.

גנעסיע.

שלאָג זיך קאָפּ אָן דער וואַנט, כאַווער דירעקטאָר, איך קאָן אָן געלט ניט גיין פֿון פֿאַבריק.

אַבלאַמונטשיק.

כאַווער דרײַזין, גיב איר אַן אַוואַנס, זי האָט נעבעך כאַסענע.

דרײַזין הערט ניט.

גוט, גוט.

ראַמט אויף פֿון טיש, שפּאַרט אין פּאָרטפֿעל און אַנטלויפֿט.

גנעסיע.

די מיאַליצע מאַך צו.

אַבלאַמונטשיק.

גיב אַ זוך אין די קניפּלעך, וועסטו געפֿינען פֿינפֿערלעך און צענערלעך.

גנעסיע.

דעם פּיסק מאַך צו, הוירעג נעפּעש.

כאָנצע.

האָב ניט, גנעסיע, קיין זאָרג, גיט ניט דיר דער איידעם, וועט געבן דער שווער.

אַבלאַמונטשיק.

באַ איר איז די גאָלדענע וואָך... מיך וועסטו פֿאַרבעטן.

גנעסיע.

איך זאָל דיר קומען איבערבעטן אַלעווײַ...

כאָנצע.

כעוורע, דערלאַנג די פּאָלקע-קאָקעטקע פֿון 1904 יאָר, צוליב דער קאַלנע.

כאַפּט גנעסיען. גנעסיע רײַסט זיך אַרויס.

גנעסיע.

זאָלט איר אַלע פֿאַרכאַפּט ווערן.

כאָנצע גייט אוועק טאַנצנדיק.

כאָנצע.

די מיידעלע מיינט, אַז זי איז שיין,
דער פֿאָרנט פּוצט זיך אויס,
און הינטן גייט אַ קאַוואַליער
און לאַכט זיך פֿון איר אויס.
קענסטו מיר ניט זאָגן—אַי
קענסטו מיר ניט זאָגן—אַי
קענסטו מיר ניט זאָגן—אַי
לא-דע-רי-דע, לאַ-דע-רי-דע, אַי-אַי-אַי.

אַן אַרבעטער.

עס דרייט זיך וועגטילאַטאָרל—
און שטעלט זיך פּלוצלונג אָפּ.
איז ווען דאַן דער קאָפּ טוט ווײ,
דירעקטאָר צי פֿאַבקאָם,
קענסטו מיר ניט זאָגן...

אַרבעטער גייען זיך פֿאַנאַנדער.

פ י נ מ אַ ן פֿון דער צווייטער טיר, קוקט זיך אַרום.

אַ כוידעש, צוויי באַדאָשים, דריי כאַדאָשים, אַ האַלב יאָר... דערנאָך אַ קאָמאַנדירונג, דערנאָך דאָס ליכטיקע נעגאָרעלע און אַדיע, כ׳ פיניע, מיט דיין לאַנד, און עפּשער צוזאַמען מיט דיין ווייב.

פֿאַרלאָזט די סצענע האַפֿערדיק. פּייפֿט. פֿאַרלייגט די הענט אין די קעשענעס. אַ סומל הינטער די קוליסן. ס׳קומט אַריין דרייזין, דווירקע. זיי רינגלען אַרום אַ גאַנץ גרויסע גרופּע אַרבעטערנס און אַרבעטער.

— מאַשינעס.
— ווידער געבראַכט נייע מאַשינעס.
— איינגעשטעלט נייע מאַשינעס.

ד ר ײ ז י ן.

און 3 הונדערט פּעסער צעמענט געבראַכט. די פֿורמאַנעס האָבן די גאַס פֿאַרפּלייצט... אין דרויסן רעגנט.

ס אָ ר ע.

מיר האָבן אַף די אַלטע מאַשינעס געשטריקט קאַפּטלעך פֿאַר דער רויטער אַרמיי, מיר האָבן אַדאַנק די אַלטע מאַשינעס באַקומען די ערשטע פּורן ברויט פֿון דאָרף, און איצט וואַרפּסטו אַרויס די אַלטע מאַשינעס און אונדז, די אַלטע אַרבעטער, ווי אָפּגעניצטע אָנעצעס.

ד ר ײ ז י ן.

מיר וואַרפֿן אייך ניט אַרויס. לערנט זיך, און נאָר די, וואָס וועלן נים קאָנען אַרבעטן אַף די נייע מאַשינעס...

— אַהאַ, און די, וואָס וועלן נים קאָנען. אַהאַ! שיק אונדז בעסער, דרייזין, אַפּן בייסכיים.

ש ײ נ ע צ ו ר ע.

ניין, אַפּן בייסכיים וועלן מיר אים שיקן... מיר ווייסן פֿון אים שיינע מייסעס.

— און די, וואָס וועלן ניט קאָנען... ניין, מיר וועלן ניט גיין פֿון דער נייער פֿאַבריק, פֿון דעם פֿאַרשוין.

ש ײ נ ע צ ו ר ע.

ער לערנט זיך פֿון דעם שווער, דעם בורזשוי.
— פֿון דעם ספּלאָטאַטער.

ד ר ײ ז י ן.

שטיל זאָל זיין! די אַלטע מאַשינעס קאָנען מיר ניט איבערלאָזן, מיט די אַלטע מאַשינעס וועלן מיר דעם סאָציאַליזם ניט איינפֿירן. מאַרודעס טויגן ניט אַף דער פֿאַבריק, מיר טאָרן ניט אָפּשטיין פֿון מאָסקווע, פֿון לענינגראַד, פֿון אויסלאַנד. ווער האָט געגעבן אַ פֿערטל מיליאָן אַף אופֿשטעלן די פֿאַבריק. ניט איר האָט געגעבן, די מעלוכע האָט געגעבן.

— און פּאַרנאָסע פֿאַר דריי יאָר?

ד ר ײ ז י ן.

אייער פּאַרנאָסע וואָלט ניט קלעקן אַף וואַפּנע אָפּלעשן... מיר טרייבן קיינעם ניט פֿון פֿאַבריק, פֿאַרקערט, די פֿאַבריק פֿאָדערט אַרבעטער אָבער אַזעלכע, וואָס קאָנען אַרבעטן אַף די נייע מאַשינעס. אָדער אַ נייע פֿאַבריק מיט נייע מאַשינעס, אָדער אַ קוסטאַריש וואַרשטאַטל.

ש ײ נ ע צ ו ר ע.

מיר דאַרפֿן ניט אַזאַ דירעקטאָר.

ש ט י מ ע ן.

— וואָס שווייגסטו, דווירקע, וואָס שווייגסטו, קעמערל.
— ניין, זאָל די קעמערל ענטפֿערן, צי מ׳וועט אונדז מאָנטיק צולאָזן צו דער אַרבעט.
— רייד, דווירקע, רייד, אונדזער טרייסט.
— די קעמערל זאָל אָנהויבן ריידן.

ד ר ײ ז י ן.

די פֿאַבריק דאַרף קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער. די פֿאַבריק דאַרף ניט קיין קלאָגמוטערס, די קעמערל קאָן אויך אין דעם ניט אונטערהאַלטן.

ד ו ײ ר ק ע.

דרייזין, איך רוף דיר צו אָרדענונג. אַלע וועלן מאָנטיק קומען צו דער אַרבעט.

ש ט י מ ע ן.

— צו דער אַרבעט.
— זאָל לעבן די קעמערל!
— מיר פֿאַרלאָזן זיך אַף דער קעמערל.

ד ו ײ ר ק ע.

כאַווערטעס! שרעקט זיך ניט פֿאַר דער נייער מאַשין, ווי דאָס פֿערדל פֿאַר דעם טראַמוויי.

ש ײ נ ע צ ו ר ע.

מיר דאַרפֿן ניט קיין טראַנוויי—אונדז איז גוט די קאָנקע.

ד ו ו ײ ר ק ע שטרענג.

כאַווײריִם, נעמט זיך אין די הענט, געגוג צו שטײן בײַ די טישן, ווי געלײמטע, די אַרבעטער דאַרפֿן קאָנען האַלטן אין די הענט דעם רודער פֿון דעם אַווטאָמאָביל?

ש ײ נ ע צ ו ר ע.

מיר זײַנען ניט קײַן פּריצים. מיר דאַרפֿן ניט קײַן אַווטאָמאָבילן. מיר זײַנען ניט קראַנק צו פֿאָרן אַף אַ פּראָסטן וואָגן.

ד ו ו ײ ר ק ע.

ניין, כאַווײרים און כאַווערטעס, געגוג צו פֿאָרן אַף אַ פּראָסטן וואָגן.

ש ט ײ מ ע ן.

— אײן האַנט מיטן דירעקטאָר.

— אײן האַנט, אײן האַנט.

— די קעמערל שפּײַט אין אײן גריבעלע מיטן דירעקטער.

— ווו איז פֿאַבער, ווו איז דער פֿאַבקאָם.

— מיר דאַרפֿן פֿאַבערן.

— פֿאַבערן, פֿאַבערן.

ד ו ו ײ ר ק ע.

כאַווײריִם, פֿון טומל וועט זיך גאָרניט באַקומען. מ׳דאַרף זיך איִבערקוואַליפֿיצירן צי ניט? אַוואַדע דאַרף מען, און ווי באַלד, אַז מ׳דאַרף, מוז מען.

ד ר ײ ז י ן.

אומזיסטע רייד, כאַווײריִם, דווירע מאַכט אײַך גריִנג אַפֿן האַרצן. שוין צײַט געווען זיך צוגעוואָינען צו די מאַשינעס, צו די נײַע.

עס גייט אַרײַן פֿאַבער.

— זאָל פֿאַבער זאָגן.

— מיר פֿאַרלאָזן זיך אַף פֿאַבערן.

פֿ אַ ב ע ר.

דער פֿאַבקאָם וועט פֿאַרטיידיקן די אינטערעסן פֿון די אַרבעטער. די פּאַרטיי הייסט אַזוי.

ש ט ײ מ ע ן.

— אָט ווי מ׳ענטפֿערט.

— פּאָשעטע רייד.

— קלאָרע דיבורים.

ד ו ו ײ ר ק ע.

עפּשער וועט דער כ׳ פֿאַבער דײַטלעכער דערקלערן אונדז, ווי צו פֿאַרטיידיקן.

פֿ אַ ב ע ר.

גאַנץ פּאָשעט: ס׳קאָנען נאָך שטײן די אַלטע מאַשינעס אויך... די אַלטע מאַשינעס פֿאַר די אַלטע אַרבעטער.

ד ר ײ ז י ן.

און אָרט, און דעפֿיציט, און ראַציאָנאַליזאַציע?

פֿ אַ ב ע ר.

אַ פֿאַבריק פֿון 800 אַרבעטער מעג אויסהאַלטן און מוז אויסהאַלטן עלטערע ניטקוואַליפֿיצירטע אַרבעטער, זאָלן שטײן די מאַשינעס און זאָלן שטײן די אַרבעטער.

ש ט ײ מ ע ן.

— פֿאַבער!

— זאָל לעבן פֿאַבער!

א ײ נ צ ל נ ע אַ ר ב ע ט ע ר.

— פֿאַבער! קוסטאַרעוועט ניט, ניוויזיקעס. איר האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך דער איִפּעשדיקער קוסטאַרקע.

— יאָלדן, געגוג צו באַזינגען דעם העמערל. זינגט „מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל”—ס׳איִבלט... יאָלדן.

— שלעפּ אַהער די נײַע מאַשינעס, דרייזין. קײַן פּגימע וועט אַף זיי ניט פֿאַלן, אונדזערע זײַנען זיי.

— גלאָמפּ, און אַרבעטן אַף זיי קאָנסטו?

— מ׳דאַרף קאָנען. און וועל איך ניט קאָנען, וועלן די קינדער, די יאַטן קאָנען. די קינדער וואַקסן באַלעבאַטים אַף די נײַע מאַשינעס.

— דרייסטער, כ׳ דרייזין, דרייסטער, וואַרף אַרויס די אַלטע זינגערקע. אָט ווו זי זיצט בײַ מיר. די מאַשינעס די נײַע, אונדזערע, אונדזערע.

פֿ אַ ב ע ר.

דאָס, וואָס דרייזין טוט און די קעמערל באַרעכטיקט, איז הונדערט־פּראָצענטיקע...

ד ו ו ײ ר ע האַקט איִבער.

מ׳דאַרף ראַציאָנאַליזירן די פֿאַבריק צי ניט?

פ אַ ב ע ר.

הונדערטפּראָצענטיקע...

ד װ ײ ר ע.

פאַבער! הונדערטפּראָצענטיקער פולשטענדיקער באַנקראָט.

ב ל אַ ט.

דער קאָמיוגישער קאָלעקטיװ מעלדעט דער קעמערל און דעם די־רעקטער פון פאַבריק: דערלאַנגסט דעם קװאַרטאַל אונטער דער פאַבריק־טעריטאָריע. אַראָפּטראָגן די הײַזלעך און אַף דעם אָרט אַװעקשטעלן די פאַבריקישע קאָרפּוסן. אין מעכטיקן געראַנגל פון אַלט און נײַ שטעלט זיך דער קאָמיוג אַף דער זײַט פון די נײַע מאַשינעס. דער קאָמיוג שטייט צו צום מאַשינעס־געראַנגל.

ד ר ײ ז י ן.

אָנגעשריִען זיך גענוג... און די 5 װאַגאָן פּעסער צעמענט זאָלן איבער אַ נאַכט נעצן אונטערן רעגן... די טשוהונענע באַלקעס דאַרף מען העלפן די פורמאַנעס אַראָפּלייגן?

די אַרבעטער װערן ערנסט און גייען זיך פאַנאַנדער מיט זיכערע, פעסטע טריט. די מוזיק שפּילט עפּעס ענלעכעס אַף „דובינושקאַ“. הינטער די קוליסן אויסגעשרייען פון פורמאַנעס, פון אַרבעטער. טעמפּע קלאַנגען פון טשוהון, פון פולע פּעסער. געזאַנג.

בריִדער! אַ נעם און פאַרקאַשערט די אַרבל—
אַף קאָרפּוסן נײַע מיט אופשטײַג פון אַרבעט,
העכער און העכער, און העכער, און העכער,
ביזװאַנען מיר װעלן דערגיין צו די דעכער.

עס בלײַבן אַפן סצענע כאָנצע, אָרעש און באַדורין. אָרעש גיט אַ קיצל אונטערן לעפעלע דעם אַלטן בוכהאַלטער.

אָ ר ע ש.

סאָװוטאָרגסלוזש... קום קײַקלען פּעסער. קום, אַ ניכפּע אין דיר, קום

ב אַ ד ו ר י ן.

כע־כע־כע... העכער און העכער דערגיין צו די דעכער... הייסט דאָס, אַז מיר שטייען צו זאַלבעדריט צום סובאָטניק... הע־הע־הע. אין פוס פאַרלאָזן זיי די בינע.

צװייטער אַקט.

1־טע בילד.

אַרײַנגאַנג אין מיקװע־שטיבל.

פ י ש ק י ן, ר אַ ב י נ אָ ק, ג ע ר ש ט, מ אָ ר ד י ק.

ג ע ר ש ט.

כעוורע „האַכנאָסעשקאָלע“ דאַרף אײַנפירן באַ דער מיקװע אַן אומזיסטע באָד.—הייסט װאַסער קאָן איך טרײַבן פון מײַן פאַבריק.

ר אַ ב י נ אָ ק.

קריך ניט מיט דײַן פאַבריקל אין מיקװע. באַ דײַן פאַבריקל האָט אָפּגענומען דער לאָשן.

ג ע ר ש ט.

דו האָסט עפּעס יאָ אַפּאָנים פון דײַן איידעמס סאָציאַליזם, און איך װאָס? איך װעל נעמען צושטײַער אַף האָלץ.

ר אַ ב י נ אָ ק.

קאָמכאָז װעט ניט דערלאָזן. אַ באָד—יאָ, אַ מיקװע—ניט.

פ י ש ק י ן צו מאָרדיקן.

נו, און דו, מאַרשאַלאָק.

מ אָ ר ד י ק.

איך טו מיר מײַן אַרבעט.

פ י ש ק י ן.

געװען אַפן פישמאַרק?

מ אָ ר ד י ק.

און אין יאַטקע, און באַם קאָאָפּעראַטיװ, און באַ די אָטשערעדן.. און באַ די װײַבער, װעלכע רעב אָרן ריכט אויס מיט אַ דעפּוטאַציע אין סאָװנאַרקאָם.

פֿישקין.

— נו?

קוקט אין שפּאַרונקע פֿון װענטל.

מאָרדיק.

איר װעט דאָך, אַז אין מיקװע איז אַן ענגעניש.

כאַפּט אויך אַ בליק.

פֿישקין.

— און דײַן באַדכאָנעס?

מאָרדיק.

איר קאָנט הערן... קלעזמער, פֿלעמט!

קלעזמער שפּילן.

גייט אין גאַס אַ יונגע פּאָרל,
אי-אי א-אי.
אַף די הענט אַ ייִד אַן אָרל,
אי-אי-אי
אַף די הענט אַ ייִד אַן אָרל,
װעט ער האָבן קאָרעס יאָרן,
װעט ער האָבן קאָרעס יאָרן,
אי-אי-אי-אי.

מאָרדיק.

אָט װי מען האָרעװעט, רעבע, פֿאַר ייִדישקײַט.

עס גייט דורך אַ יונגע פֿרוי מיט אַ קאָשיק אין האַנט. פֿאַר זיך.

— פֿאַרנעצט דעם פֿאַרייניקן בילעט.

פֿישקין.

מען דאַרף אים אַרויסגעבן אַ דאָלער לויטן קורס.

מאָרדיק.

איין דאָלער, רעבע? איך פּייגער אַװעק מיט דער געזינד, איך װעל מאַכן סקאַנדאַלן. איך האָרעװע פֿאַר ייִדישקײַט, גיט איר מיר איין דאָלער. דאָס איז אַ מיקװע? דאָס איז דאָך אַ קאַװיאַרנע. איך װעל דאָס ניט שװײַגן קלאַפּט זיך אין ברוסט. זיך נעמט איר ברוסט. גיט מיר כאָטש דעם פּלאַנקען, די פּיסנאָע כאָטש.

ראַבינאָק.

כוצפּעניק! גאַזעטשיק, װאָס איז דאָס פֿאַר אַ לאָשן? װאָס פֿאַר אַ ברוסט?

מאָרדיק.

אַ לאָשן פֿון אַ הונגעריקן. ניט טרײַבט מיך אָפּ פֿון פֿאַבריק, װאָרעם אריב איך װעל אָנקומען אַף דער פֿאַבריק, װעט זײַן אַ סאָף צו אײַערע יאָרן...

אַלע זאַלבעדריט פֿאַלן אָן אַף מאָרדיקן.

מאָרדיק.

איך בעט אַף שאַבעס...

ראַבינאָק.

אַזוי ריידר!

פֿישקין.

גיט אים, גערשט, דרײַ דאָלער נאָכן קורס.

גערשט ציילט אויס קליינע מאַטבייעס.

פֿישקין.

מען דאַרף זיך ראַנגלען מיט אונדזער געװער. די מיקװע דאַרף טראָגן דעם מעהוס פֿון סאָװעטישקײַט. מע דאַרף ניט אײַנשפּאָרן אין ליכט. אַ שילד Еврейская советская миква.

ראַבינאָק האַקט איבער.

מען װעט אַזאַ שילד ניט דערלויבן, רעבע.

פֿישקין.

איך האָב שוין באַשטעלט—מע ברענגט זי באַלד. װיבאַלד, אַז סאָװעטסקאַיאַ איז קאָשער, איז ניטאָ װאָס צו ריידן. Евсовобщество.

ראַבינאָק.

װאָס באַדײַט עס?

פֿישקין.

יעװרעיסקאַהאָ סאָװעטסקאָהאָ אָבשטשעסטװאָ. און די שילד דאַרף מען באַנאַכט באַלויכטן מיט עלעקטרישע לעמפּלעך. זאָל דאָס צוציִען.

ראַבינאָק.

עס װעט צוציִען, רעבע, עס װעט צוציִען.

גערשט צײלנדיק דאָס געלט.

און אָפּשער אין פֿענצטער, אין אַ מאָגנדאָװיד אײַנגעפּאַסט: מאַני-קיור, פּעדיקיר און מיקװאָ.

ראַבינאָק.

אַװעק מיט דײַן ציִעניִזם.

פֿישקין.

שבּוסערײַ... אין דעם ערשטן צימער דאַרף מען אַװעקשטעלן אַ טיש מיט שטולן און אויסשרײַבן פֿאַר די װײַבער דעם „עמעס“... זאָל ער

דאָרט ליגן, אַלציינס וועלן זיי אים ניט לייענען, און אין רעדאַקציע און בעמיילע שוין אויך אין גענעו וועם מען וויסן, אַז אונדזער מיקווע שרײַבט אויס דעם „עמעס“.

גערשט.

גע-מע-ו. איך ציטער פֿאַר דעם וואָרט.

ראַביִנאָק.

גענעו... זיי קינדלען ניט?... איידעלע לײַט... גיבן דיר אַ שטול... בעטן זיצן... דאָס איז, רעבע, סיכלדיק... דעם „עמעס“.

פֿישקין.

קויפֿן דעם אַלבאָם פֿון די פּאָגראָם-געליטענע.

ראַביִנאָק.

אין מיקווע-שטיבל, רעבע, איז דער אַלבאָם ניט פּאַסיק. מאַכמעס די אישע, וואָס גייט אין וואַסער און וויל האָבן אַ קינד, האַלט פֿון פֿאַרקוקעניש.

פֿישקין.

מאַסקים—געמעכט. נאָר די וועגט באַפּוצן דאַרף מען... נו... מע קאָן זייערע פּאָרטרעטן... פֿון וואַנט וועלן זי ניט פריידיקן קעגן יידישקײַט, און די ווײַבער האַלטן פֿון זיי.

ראַביִנאָק.

דאָס קען מען אויך.

עס גייען אַרײַן גנעסיע, ביביק.

ביביק.

אָט דאָס איז אַ מיקווע! אָט דאָס פֿאַרשטיי איך איז אַן אופּטו! און פֿאַר מאַנסביל אויך?

ראַביִנאָק.

צוליב דעם עקזיסטירט די געזעלשאַפֿט כעווראַ „האַכנאָסעסקאַלע“. מיט אַ בערל, מיט אַ מיקווע, מיט עטלעכע רובל אָף רכאָס און קלאָס... מאַשיעכס צײַטן. אַ פּראָלעטאַרקע מיט אַ בורזשוי... און דיר, מויד, דאַרף מען הײַנט מעקאַרעוו זײַן.

גיט איר אַ קניפּ אין באַק.

ביביק.

נאָר ניט קיין בורזשוי... קריכט אין בוזים און שלעפּט אַרויס אַ פּאַק פּאַפּירלעך. דאַנאָ טאָוואַרישטשו ביביקו וטאָם שטאָ אָן דאָבראָוואָלנאָ

נאַציאָנאַליזיראָוואַלסיאַ... פֿון קרײַזישן איספּאָלקאָם... דאָס איז אַ דאָ קומענט... וואָס הערט זיך, גערשט, מיט דײַנע מאַשינעס... פּראָלעטאַ-ריזיר זיך, פֿאָלג מיך, פּראָלעטאַריזיר זיך, פֿאָלג מיך. מע ווערט פֿרײַ, ווי אַ פֿויגל.

ראַביִנאָק.

זעסט, מויד, ווער דײַן מאַן איז. ניט פֿון פֿאַבריק נעמסטו אַ מאַן.

גנעסיע.

ליאָווע איז ניט פֿון אײַערע. ליאָווע איז אונדזערער אַ פּראָלע-טאַרסקער.

ביביק.

רעב אַרקע... דאַנאָ טאָוואַרישטשו ביביקו... דאַנאָ טאָוואַרישטשו ביביקו, רעב אַרקע!

ראַביִנאָק.

געהערט, לייבעלע, געהערט.

גערשט.

יאָ, פֿרײַ ווי אַ פֿויגל, אַז מע האָט ניט קיין מאַשינעס.

גנעסיע.

איך האָב פֿײַנט, ליאָווע, בורזשויען.

ביביק.

מײַן גנעסקעלע, מײַן קעמפֿערקע, שטיל אײַן דײַן פּראָלעטאַרסקן האַס.

גנעסיע.

איך האָב פֿײַנט בורזשויסקע שטיק, ליאָווע.

ראַביִנאָק.

מויד, ווילסט פֿאַרן מאַן אַ טאַלעס. מאָרדיק!

מאָרדיק מײַסע קרעמער.

ווילסט אַ זײַדענעם אָדער אַ וואָלענעם—אַ דובראָוונער?

ביביק.

ווער דאַרף איצט טאַליסים... ווער דאַרף די פּראַזדרעזשרע...

גנעסיע *גיט זיך נאָך,*

ליאָווע,—איך וויל, איך וויל זייער, איך כאַלעש. אַ טאַ- לע- ס... איך וויל.

מאָרדיק, גנעסיע, ביבּיק אַרום דעם טאַלעס. עס וואַרפט זיך אַרײַן פון דער זײַטיקער טיר פרעך און טומלריק גנענדל.

גנענדל.

די מיקווע... די מיקווע אַרבעט צאַצקע די ראָד.

ברענגט ראַבינאָקן אין אָרדענונג זײַן קראַוואַט, רײַבט זיך אַרום אים היילדיק.

ראַבינאָק *מיט אַ פאַרבאָרגענער צופרידנקײַט.*

פאַר פרעמדע מענטשן.

גנענדל.

... עס קומען ווײַבער און טונקען זיך—און איך שנײַד זיי אויס די נעגל ביז בלוט... זיי קאָרטשען זיך פאַר ווייטיק פון מאַנעקורע, פּערע-קורע, איך רײַס פון זיי די שקורע.

ראַבינאָק.

אַרבעטערקעס קומען אויך?

גנענדל.

ווײַבלעך ווי פּאָמידאָרטשיקעס... דער ראָוו קוקט אין שפּאַרונקעלע. ער קוקט... לאָמיר יינגער ווערן אַף... וויפל ווילסטו? *נעמט אים אַרום.*

ראַבינאָק.

פאַר פרעמדע מענטשן...

גנענדל.

דעם פּידיען וועמען גיב איך אָט?

עס קומט אַרײַן פינמאַן מיט אַ פאָטאָ-אַפּאַראַט אין האַנט.

ראַבינאָק.

פינמאַנען, מיכלקע, נעם די קאַסע.

גנענדל.

פינמאַן איז פינמאַן, איז צאַצקע די ראָד. ווײַבעלעך ווי מאַלינעס, ווי פּאָמידאָרטשיקעס, פאַניע פינמאַן... *ציילט אויס די זילבערקעס.* זיי קאָרטשען זיך פאַר ווייטיק און איך האָב האַנאָע דערפון... מעניקורע, פּעדע-קורע, איך רײַס פון זיי די שקורע...

מאָרדיק.

אַלץ איז דיר אַ האַנט אַרורע.

פינמאַן *צעלאַכט זיך, ווערט אויפגעקאָכט, גייט... גיט אַ שלײַדער די מאַטבייעס, וועלכע צע-קײַקלען זיך איבערן סצענע.*

ווער האָט אײַך, ראַבינאָק, געזאָגט, אַז איך נעם אַף זיך די קאַסע. כאַ-כאַ-כאַ.

אַלע זאַלבעדריט זוכן און קלײַבן אויף די צעשאָטענע מאַטבייעס

מאָרדיק.

ניט וועלן גאָר זײַן קיין קאַסיר.

גנענדל.

אַ קײַסן, פאַניע, טאָר זיך ניט קראַצן... אַף איין וואָג גאָלד, אַף דער צווייטער די קאַלע... צאַצקע די ראָד.

ראַבינאָק.

אַזאַ ווי גנעסיע איז אונדז ליב און טײַער... איינע אַזאַ צווישן צען אַרבעטערקעס איז אונדז שוין גענוג.

גנענדל *צו גנעסיען.*

די מיקווע איז באַ אונדז ווי קריסטאַל *אינטים אפן אויער.* מײַנע ווײַבער לעבן אָפּ מיט זייערע מאַנען הונדערט מיט צוואַנציק יאָר. זיי כאַ-לעשייען נאָך מײַנע ווײַבער. זיי נעמען אײַן אַ מיסע מעשונע—ווײַלע מיקווע-וואַסער...

פינמאַן.

וועלן מיר פאַרקייטלען די טיר, געבן ליכט אָט אַזוי און אָפּמענטש-לען די סאָוועטישע מיקווע... רעב אַרן אינמיטן, כאָסן-קאַלע פון די זײַטן, דו דאָ, דו אַהער, *צעשטעלט דעם עולם.*

אַ קלאַפּ אין טיר.

גערשט.

ווער קלאַפּט דאָס?... דער קלאַפּ געפעלט מיר ניט...

ראַבינאָק.

וואָס טרייסלט דיר. מיר טוען דען עפּעס קעגן דעם געזעץ?

גערשט *אַ צאָן אָן אַ צאָן.*

מיר טריי—סלט...

אַ קלאַפּ אין טיר... דער עולם איז אַ ביסל באַווירקט פון גערשטן. צעשראָקענע, האַלב אָנגעטאָנענע ווײַבער באַווײַזן זיך פון מיקווע. ראַבינאָק עפנט די טיר. באַדורין גייט אַרײַן און קוקט זיך אַרום.

ג ע ר ש ס.

נו, מע בויט זיך! 10—עטאַזש, 20 עטאַזש.

ר אַ ב י נ אָ ק.

שוין אַריינגעפאָרן אין די מיליאָנען? פון עק אין עק? דעם גאַנצן קוואַרטאַל טאַקע?

ב אַ ד ו ר י ן.

אַלץ אַף דער וועלט אָרגאַניזירט זיך, אַלץ פּראָגרעסירט. אַ מיקווע מיט רעקלאַמע, מיט מוזיקע.

ג ע ר ש ס.

איז שלעכט?

ב אַ ד ו ר י ן.

און פאַר בוכהאַלטאָרן האָט מען אויסגעטראַכט... אַן אַריפמאָמעטער, בין איך גליקלעך, ווי די ראַבע קאַץ... בײַ אײַך איז אויך דאָ אַ בוכהאַלטער?..

ר אַ ב י נ אָ ק.

מיט ביכער געשנורעוועטע, געכאַסמעטע, נומערירטע...

ב אַ ד ו ר י ן בלעטערט.

יאָ-יאָ, אַזוי האָב איך טאַקע געטראַכט... גייט אַוועק און קערט זיך אום יאָ, יאָ... אַן אָרטעל פון 5 קוסטאַרעס און אַ בוכהאַלטער. אַ פאַבריק-מאַכערסקע—אויך אַ בוכהאַלטער...

ר אַ ב י נ אָ ק.

דיר געפעלט אויך ניט אונדזער סאָציאַליזם.

ב אַ ד ו ר י ן קערט זיך אום.

איר האַלט דאָ מוידן אויך... ענלעך אַף אַ הײַזל.

ר אַ ב י נ אָ ק.

אַבי מע זאָל גיין אין מיקווע! זאָל זײַן אַ קאַוויאַרניע, אַ שאַנטאַן, אַבי מע זאָל גיין אין מיקווע!... מוזיק. טענץ. פאָרהאַנג.

2־ט ע ב י ל ד.

באַ ראַבינאָקן אין הויז.

1-ט ע פ ר ו י סוידעסריק.

איך וואָלט ניט דערקענען די 1-טע הינטערגעסל... אַי—אַי—אַי, מע פירט און מע פירט און מע פירט—ציגל און וואַפנע, און געהילץ, און פעסער, און רייקעס, און טרויבן...

ש ײ נ ע צ ו ר ע.

בין איך געקומען מיט די קינדער אין דער קאָמכאָזקער דירע. אַ צימערל—הויך און שמאָל ווי אַ דעריקער... דערנאָך האָב איך געבראַכט אַהין די ציג... האָב איך פון זיי געהאַט... איז מען זיך צונויפגעלאָפן פון גאַנץ זשאַקט און מע קוקט אַפן זווערינעץ... ניט געזען קײַן ציג... שרײַ איך צום זשאַקט—אַ שטעלכל, און ער—מירן איר קוילן-און מילך?" אין קאָפּעראַטיוו... שטיין מיטן קריגעלע צוויי שאָ און וואַרטן אַף דײַן קילאָ.

1-ט ע פ ר ו י.

ליטער.

ש ײ נ ע צ ו ר ע.

זאָל זײַ ליטער. אַבי דו שטייסט אין קרענק אין אָטשערעד.

2-ט ע פ ר ו י.

אַז מע האָט גענומען האָקן מײַן ראַבענע בוים, וואָס באַם פענצטער האָב איך געפילט דעם ווייטיק פון יעדן קלאַפּ. דער בוים, וואָלט איך אײַך שווערן, וויינט ווי אַ מענטש.

3-ט ע פ ר ו י.

און אַז באַ מיר בליט שוין די בולבע!

1-ט ע פ ר ו י.

דײַנע בולבע אויך?

3-ט ע פ ר ו י.

סערע בולבע, אי סערע בולבע.. סקאָראָספעשקע...

ש ײ נ ע צ ו ר ע.

מיילע—איר קריכט צו די בורזשויען—האָב זיי אַ שוואַרציאָר, קוקט זיך אום. צו די בורזשויען קאָנט איר קריכן... ווי מע האָט זיך דאָס אָנגעלעבט אַ ביסל... מיט פּאָרטאָפּיאַנעס... ריירט אָן אַ קלאַוויש.

1-ט ע פ ר ו י.

און אַז אָנגעלעבט? ראַבינאָק לעבט אַליין און לאָזט דעם אַנדערן אויך לעבן... דער דירעקטאָר גיט ניט קײַן אַוואַנס און באַ ראַבינאָקן קריגסטו אין אַלע צײַטן אויסצוליַיען אי אַ קערבל, אי אַ דרײַערל, אי אַ פינפערל אַפילע.

4-ט ע פ ר ו י.

און פראָצענטן וויפל נעמט ער?

1-טע פֿרוי.

אַ ליגן!.. ער נעמט ניט קיין פּראָצענטן!

4-טע פֿרוי.

הערט ווײַבער—ניט מער זאָלן זיי לעבן... און עס שער איז מיעס פֿאַר אונדז, וואָס מיר קומען זיך אייצעס האַלטן מיטן אימפּעריאַליזם.

1-טע פֿרוי.

אויסגעפֿונען זיך אַ קאָמוניסטקע.

4-טע פֿרוי.

איר מיינט, אַז זיי וועלן ניספּאָעל ווערן פֿון אונדזער דעפּוטאַציע... זיי וועלן נעמען פֿירן די מאַטעריאַלן צוריק... מיר וועלן מער ניט אַרײַנפֿאַלן אין וואַנס-צײַטונג, ווי די נאַרן.

1-טע פֿרוי.

וואָס׳טע מיירע פֿאַר דער וואַנטצײַטונג... סמײַטוג-צײַטונג... טפֿו, ראַבינאָק איז אַ גרויסער קאָמפּעטענט. אַז ער זאָגט, אַז מיר זאָלן גיין מיט אַ דעפּוטאַציע, ווייס ער, וואָס ער זאָגט, דאַרף מען גוט אײַנכאַ־זערן זײַן אייצע.

עס גייט אַרײַן ראַבינאָק מיטן ראָוו.

ראַבינאָק.

אַלע צוזאַמענגעקליבן זיך. אָט איז אײַך די פּאַפּיר. נעם, שיינע צורע. באַם אַרײַנגאַנג זאָלט איר זיך האַלטן ווי מענטשן, קעדיי דער מענטש, טשערוויאַקאָוו, צי אַן אַנדערער, זאָל האָבן פֿאַר אײַך דרעכ־ערעך. נאָכאַמאָל—געדענקט די פּונקטן, ניט אַראָפּטראָגן די הײַזער—איינס.

אַלע.

די הײַזער—איינס.

ראַבינאָק.

ניט ארויסוואַרפֿן די אַלטע מאַשינעס—צוויי.

אַלע.

די מאַשינעס—צוויי.

ראַבינאָק.

דעם בעסמעדרעש איבערלאָזן—דרײַ.

אַלע.

בעסמעדרעש—דרײַ.

ראַבינאָק.

און די מיקווע—4.

אַלע.

פֿיר, די מיקווע—פֿיר.

ראַבינאָק.

אַ לעצטן מאָל... ניט אַראָפּטראָגן די הײַזער—איינס.

אַלע.

איינס.

ראַבינאָק.

ניט אַרויסוואַרפֿן די אַלטע מאַשינעס—צוויי.

אַלע.

צוויי.

ראַבינאָק.

דעם בעסמעדרעש איבערלאָזן—דרײַ.

אַלע.

דרײַ.

ראַבינאָק.

און די מיקווע—פֿיר.

אַלע:

פֿיר, און די מיקווע פֿיר.

די שיינע צורע רירט אָן אַ קלאַוויש און דערשרעקט זיך, שרײַט אויס מיט פֿאַרשפּעטיקונג „פֿיר".

ראַבינאָק.

און טאָמער פֿרעגט מען בײַ אײַך, וואָס זײַט איר אַזעלכע גוטע בעטער פֿאַר מײַן מויער, ענטפֿערט דאַן: גיט בעסער אונדז אַוועק ראַבינאָקס מויער. עלע וואָס, זיי האָבן ניט קיין רעכט... אַוואַדע האָבן זיי ניט קיין רעכט... זאָגט זיי דאָ ט... זאָל זײַן גענוג צו זינגען „דאָ אָסנאָוואַניאַ... פּאָטאָם"... וואָס וועט טאָן די שיינע צורע אָן איר הײַזל, אָן איר גערטנדל... אַזוי איז זי פֿאַר זיך אַ באַלעבאָסטע מיט בייטן בולבע, מיט, מיט...

שיינע צורע.

איך וועל קערן וועלטן.

ראַבינאָק.

איִר שעמט זיִך ניִט, איר קאָנט אַזוי זאָגן: פֿון פֿאַבריִק טרײַבט איר אונדז, פֿון די הײַזלעך טרײַבט איר אונדז, פֿון בעסמעדרעש טרײַבט איִר אונדז, פֿון מיִקווע טרייבט איִר אונדז — איִז וואָס איִז דאָס פֿאַר אַ סאָ-ציאַליִזם... אֵי וואָס — מײַן איידעם דער דיִרעקטאָר וועט האָבן צאָרעס, איִז ער וועריט, מאַך ניט כאָרעוו און מוכרעוו אַ קוואָרטאַל! סאָציאַליִזם!

1-טע פֿרוי.

קאָמוניִזם, אַבי קאָמוניִזם.

ראַבינאָק.

נו, גייט געזונט, זאָל אײַך גאָט מאַצליִעך זײַן... וואַרט, דער רעבע וועט אײַך בענטשן. בענטש זיי, רעבע, אַפֿן וועג.

פֿישקין.

זאָל אײַך גאָט מאַצליעך זײַן. זאָל גאָט מאַכן ווייך דאָס האַרץ פֿון אײַערע פֿיִרער. מענטשן זײַנען זיי — גאַזלאָנים. אוי, גאַזלאָניִם... זאָל אײַך גאָט מאַצליעך זײַן.

די דעלעגאַציע גייט אַוועק.

ראָוו.

קאָ-מו-ניִסטן!

ראַבינאָק.

אַ קלאָג צו זיי!

פֿינמאַן.

רעבע, גוטנאָוונט. נעמט אַרויס פֿון קעשענע אַ צײַטונג. צו ראַביִנאָקן. אַז מע שרײַבט, דרוקט מען. עס קאָנען די אויגן אַרויס פֿון אַזאַ אַרטיִקעלע. איִר זעט „דאָ אָסנאָוואַניאַ—פּאַטאָם“ די רעדאַקציע שטעלט זיִך אײַן פֿאַר אײַך... זעלמע אַרקאַדיעוונע איִז דאָ?

גייט דורך די סצענע, אָפּ.

ראַבינאָק.

אין קאַביִנעט... מײַן קאָפּ, רעבע.

פֿישקין קוקט אין צײַטונג.

שאַרף. דער יונגערמאַן איִז אַ קאַסוועראַבע... און טאָמער וועט קאָמכאָז... ווי דאָ ווערט פֿאַרגעלייגט, ראַביִנאָקס שטוב בעסער אָפּנע-מען און ניִט אַראָפּנעמען.

ראַבינאָק האָפֿערדיִק.

אַז מע וועט ניִט אַראָפּנעמען, וועט מען אויך ניִט אָפּנעמען... ניטאָ איִצט אַזעלכע געזעצן... רעקוויִזיִציעס און נאַציאָנאַליִזאַציעס און אלע שלאקן האָב איִך די גאַנצע צייט, רעבע, אויסגעמיִטן, מיִט אַ קאָמוניִסט זיִך מיִסכאַטן געווען, די אַרבעטערקעס אויסגעריִכט בעטן פֿאַר מיִר... איִך וועל זיִך ראַנגלען, און איִך האָב, רעבע, דעם ביִטאָכן ניִט פֿאַר-לאָרן. אָפּ ביירע.

פֿינמאַן און זאָיע אַרײַנגייענדיק.

פֿינמאַן.

איִך האָב געשמועסט מיִט אַ באַקאַנטן קאָמוניִסט, וועלכער איז געקומען פֿון אויסלאַנד. „נו“, האָב איִך געפֿרעגט. קוקט ער זיִך אַרום און ענטפֿערט: „האַלעוואַי באַ אונדז איִן 20 יאָר אַרום אַזוי“. און איִך טראַכט עפּשער איִן 100 יאָר, איִן 200 יאָר.

זאָיע.

איִן טויזנט יאָר, איִן הונדערט טויזנט יאָר, ער דערעסט מיִר.

זעצט זיִך מיִט אַ בוך איִן האַנט.

פֿינמאַן.

דו ביִסט דאַנקבאַר, מאַדאַם דרייזיִן, פֿאַר דעם סאָוועטסקן ברויט.

זאָיע.

כאַ-כאַ-כאַ... דו זוכסט דאָך דעם ברויט.

פֿינמאַן.

יאָ, איִך זוך דעם ברויט, קעדיי פֿון איִם וואָס גיִכער פּאָטער צו ווערן... זאָיע לאַכט. דער דיִרעקטערשע לאַכט זיך, זאָיִנקע...

זאָיע.

איך ביִן דיִר, מיִכאַיִל, קיינמאָל קיין זאָיִנקע ניִט געווען.

פֿינמאַן.

קיינמאָל ניִט? זאָיִנקע, דערמאָן זיִך — קיינמאָל ניִט? זעלמאַ אַרקאַ-דיעוונאַ?

זאָיע.

איִך בעט אײַך, פֿיִנמאַן...

פֿינמאַן קריִכט צו איר, לאַכט.

„אײַך“, „פֿיִנמאַן“...

זאַיע.

איך בעט אײַך, פֿינמאַן, אָוועקוואַרפֿן דעם נאַרישן פֿאַמיליאַרן טאָן. צווישן אונדז איז איצט אַ מוירעדיקער אָפּגרונט.

פֿינמאַן לאַכט.

צוויי פֿײַנטלעכע קלאַסן... גייט צו צו איר נאָענט, גלעט איר די האָר. פֿאַרוואָס האָסטו אַמאָל אַזוי ניט גערעדט?

זאַיע.

ווײַל אַמאָל ביסטו געווען קליגער.

פֿינמאַן.

... ווײַל, ווײַל אין אויער ווײַל דאַן האָסטו געוואָלט ווערן דעם פֿאַבריקאַנטס זון אַ ווײַב און הײַנט ביסטו... בײַם דעם טאָן און אַז דו וועסט גאָר איינגיכן ווערן אַ ווײַב פֿון אַ פֿאַרקירצטן, אָדער פֿון אַן אָפּגעזאָגטן אָדער עפּשער גאָר פֿון אַן אַרעסטירטן דירעקטאָר... וואָס וועסטו דאַן טאָן, זאַיק.

זאַיע.

דאָס קאָן פּאַסירן, ווען דו וועסט זיך אַרײַנמאַכן אַף דער פֿאַבריק, אָבער דרייזין וועט דאָס קיינמאָל ניט דערלאָזן.

פֿינמאַן.

און עפּשער וועט ער יאָ דערלאָזן. אַז זאַיע וועט דערלאָזן, וועט סיניע אויך דערלאָזן.

זאַיע שטאָלץ.

דרייזין האָט פֿון גאָרניש אַ פֿאַבריק באַשאַפֿן... מײַן מאַן איז הײַנט איינער פֿון די בעסטע דירעקטאָרן אין ווײַסרוסלאַנד.

פֿינמאַן.

„מײַן מאַן". „דרייזין", דער שנײַדער, וואָס האָט אַ ווײַב פֿון די ראַבינאָקס... אין די אומפּאַרטעיִשע שאָען, און דאָרטן איז די טיר פֿון דיר פֿאַרהאַקט און אָפֿן פֿאַר די דווירקעס... דרייזין—דײַן מאַן אין די אומפּאַרטעיִשע שאָען לאַכט. זאַיע, די פּראָלעטאַרישע מעלוכע איז רײַך... און קאָן אויסהאַלטן אַ מענטשן, וואָס האָט אויך עפּשער אַ כיילעק אין דער רעוואָלוציע... זעסט מײַנע האָר... דו וועסט פֿאָרן מיט מיר צו דער שוועסטער צו דײַנער אין ווילנע. בײַ דער שוועסטער דאַרף איז אַ פֿרײַע וועלט, אַ ליכטיקע וועלט. אַ גאַנײַדן.

אַ לײַדנשאַפֿטלעכער קוש. זאַיע גיט זיך אונטער און שרײַט אויס מיט פֿאַרשפּעטיקונג, אַרויסרײַסנדיק זיך פֿון פֿינמאַנס הענט.

זאַיע.

טאַטע! נעם צו פֿון מיר דעם אידיאָט.

פֿינמאַן.

דו ווילסט מיך אײַנשמועסן, אַז דו האָסט זיי ליב.

זאַיע.

דרייזינען? זיי זײַנען שטאַרק און קלוג.

ראַבינאָק באַווײַזט זיך אין טיר, רויק, גאָדלעוודיק.

קריך ניט, מיכלקע, צום פּראָלעטאַריאַט.

ביידע אָפּ. זאַיע מאַכט זיך צורעכט באַם שפּיגל. עס קומט אַרײַן דרייזין.

דרייזין גאַנוועט זיך צו דער ווײַב.

אַנטלאָפֿן פֿונדערהיים צום טאַטן? זאַיע איז ברויגעז. דרייזין כאַפּט איבער. פֿאַרפֿאַלן געוואָרן מײַן ווײַב, אַנטלאָפֿן מײַן ווײַב.

זאַיע בייז, שפּרינגט אויף.

איך קאָן דיר ניט קאַווירן, ווו איך קאָן פֿאַרפֿאַלן ווערן אין אַ שײנעם אָוונט.

דרייזין.

נו, ווו, אַשטייגער, קענסטו פֿאַרפֿאַלן ווערן?

זאַיע.

דו מיינסט, דו ביסט פֿון אַלץ פֿאַרסטראַכירט?

דרייזין.

איך מיין אַזוי.

זאַיע.

אַוועק ביסטו הײַנט אַכט אינדערפֿרי. און איך וואַרט און וואַרט— די אויגן קריכן מיר פֿון קאָפּ.

דרייזין.

פֿאַרברענג, פֿאַרווײַל זיך.

זאַיע.

איך דאַרף ניט דערצו קיין דערלויבעניש... מיט וועמען זאָל איך זיך פֿאַרווײַלן. איז פֿאַראַן עפּעס אַ רעכטער מענטש, אַ פּאַרטייער, איז ער פֿאַרנומען, האָט ער ניט קיין צײַט אַרומטאַנצן אַרום אַ פֿרעמדער ווײַב. איז ער אַ ליידיקגייער, אַן אומפּאַרטעיִשער יאָלד, ווי פֿינמאַן, דער נאַבאַל, איבלט מיר פֿון אים.

דרייזין אומרויִק.

פֿינמאַן איז דאָ געווען?

זאָיע ארומנעמענדיק דרייזינען, פּיעסטעט זיך זעצט זיך אָף דרייזינס שויס.

ער באַזוצט זיך באַם טאַטן... פֿימיק... פֿיר מיך אַרײַן אין פּאַרטיי.

דרייזין זעצט זיך צו נאָענט. נעמט זי אָרום.

וואָס ווילסטו טאָן אין פּאַרטיי?

זאָיע.

אַז דער מאַן איז אין פּאַרטיי, דאַרף די ווײַב אויך זײַן אין פּאַרטיי. אונטערגעשטראַכטע נאַיווקײַט מיר קומען צוזאַמען און גייען אוועק צוזאַמען.

דרייזין.

צוליב דעם, קעדיי מיר זאָלן קומען צוזאַמען און אַוועקגיין צוזאַמען.

זאָיע.

אַלע פֿאַראַנטוואָרטלעכע טוער מאַכן זייערע ווײַבער פֿאַר קנאַ-קערקעס.

דרייזין לאַכט.

גוט, איך מאַך דיך פֿאַר אַ קניאַקערקע.

זאָיע.

איך וועל דערשטיקט ליידיק אַרומגייענדיק, מיר איז ערגער איידער מײַן שוועסטער: דאָרט פֿלעגט מען זיך כאָטש צונויפֿקומען.

דרייזין.

אָף זירפֿיקסן.

זאָיע.

מען דאַרף זאָגן „זשורפֿיקסן“... בעסער די ווײַב האַלטן אָנדער-זײַט, וועט זײַן זיכערער שאָענלאַנג פֿאַרברענגען מיט די דווירקעס.

דרייזין כאַזערט.

„זשור-פֿיקסן“, זשור-פֿיקסן, „זשורפֿיקסן“.

זאָיע.

„זירפֿיקסן“ פֿירט פֿאַר דער נאָז די גאַנצע פֿאַבריק, און אַלע דאָרט ניאַנטשען זיך מיט איר.

דרייזין אויפֿגעלייגט.

„זשורפֿיקסן“, „זשור-פֿיק-סן“...

זאָיע.

אָף אײַערע זיצונגען טוט איר אָפּ די גרעסטע צאָרעס מיט די פֿיס און מיט די הענט. באַריידערקעס און רעכילעסניצעס און וואָס אין אַ ביזער קאָרט... איר האט אויך איירע „זשירפֿיקסן“.

דרייזין קאָם וואָס מע הערט.

זשורפֿיקסן.

ראַבינאָק.

שוין? איר קריגט זיך שוין? אַ גוטער אָוונט, איידעם... ווי גייט באַ דיר דײַן פֿאַבריק.

דרייזין.

די פֿאַבריק איז ניט מײַנע—אונדזערע.

ראַבינאָק.

אַז די פֿאַבדיק, זאָגסטו, איז ניט דײַנע, איז דאָך ניטאָ וואָס אָנצו-בויען פּיסעם און ראַמסעס... אָבער די ווײַב איז דאָך יאָ דײַנע! דײַנע?.. אָדער ניט דײַנע? דו האָרעוועסט אַ מעסלעס און קאָנסט אַפֿילע ניט צופֿרידנשטעלן אַזאַ פּאַרשוין! דיר האָט זיך עס געכאָלעמט?... דו שטייסט אָן אײַנגעשפּאַנטער אין סאָכע... און וואָס באַקומסטו פֿון דעם? איך פֿאַרשטיי ניט אַזאַ סאָציאַליזם, זאָל מיר גאָט אָזוי העלפֿן. דו וועסט אויס ווי אַ שעד... וואָלסט אים, מײַן טאָכטער, ווּאילסיקן... וואָילסיק דעם שנײַדער.

דרייזין.

אײַער מויער, בירגער ראַבינאָק, איז אין סאָקאָנע סאווע.

ראַבינאָק.

אַ דאַנק, איידעם, וואָס דו זאָגסט מיר אָן באַצײַטנס וועגן דעו סאַקאָנע... מיר געפֿעלט ניט אײַער סאָציאַליזם. פֿון לעניִנען האַלט איך גראָר, און פֿון אײַער סאָציאַליזם—ניט.

דרייזין קוקט זיך אַרום.

איך טראַכט: ווי וועט אויסזען דער מויער איבעראַיאָר.

ראַבינאָק.

דו יאַדעסט דעם שווער, דו האָסט דערפֿון פֿאַרגעניגן—דו כאַפּסט אַרײַן אַ מיצווע אַ קאָמוניסטישע—יאַדען אַ בורזשוי.

זאָיע.

ער גייט פֿון מויער אַראָפּ.

דרייזין.

ווער?

זאָיע.

מישאַ.

גיט דרייזינען דעם מאנטל איבער. דרייזין טוט איר אָן דעם מאַנטל, זאָיע ברענגט זיך אין אָרדענונג.

ראַבינאָק.

און פאַרוואָס טאַקע ניט געבן אַ שטעלע מיכלקען... איר פאָדערט פון אַ פּאָשעטן באָסאַר וואָדאָם שוין צופיל. קומט אויס, אַז אַלע זיינען פאַרברעכער, פאַרשווענדער, ביוראָקראַטן, רעשאָים... איינאָרדענען אַ קאָרעוו, אַ פריינט איז בײַ אײַך אַ פאַרברעכן... הע-הע, הע-הע-הע... די ווײַב דײַנע, זעלמאַ אַרקאַדיעוונאַ, האָט ניט קיין זכיע צו ווערן אַ „פיסמעוואָדיטעלניצע"... הע-הע-הע... צוליב וואָס האָסטו מײַן טאָכטער געטראָגן די פאָן אין 17-טן יאָר.

דרייזין *אין פאָטערשטול.*

די ווענט וועלן אויסהאַלטן אַ דריטן שטאָק? און וויפל ציגל פאָדערן די ווענט, זיי זאָלן אויסהאַלטן אַ דריטן שטאָק.

זאָיע.

פי מע!

ראַבינאָק.

אונדזערע אַלטע ווענט וועלן אויסהאַלטן אויך אַ פערטן שטאָק. מיר וועלן זען, ווי וועלן אויסהאַלטן אײַערע ביניאָנים... דער אלטער ביניען האַלט זיך שטאַרק. מיר גייען אַפן וועג פון כאַדייש יאָמיינר קייקעדעם. מיר רעמאָנטירן די שול, די מיקווע און די מאַכט דערלויבט. ווײַבער טוקען זיך, דײַנע אַרבעטערקעס טוקען זיך און האַלטן פון ראַבינאָקן מער איידער פון דעם רויטן דירעקטאָר.

דרייזין.

וואָס האָט איר דערפון, רעב אַרן?

ראַבינאָק.

דיר איז שווער אָנצוזופן מיר שווער, דיר, שניידערוק, שטייט ניט אָן דעם שענסטן מענטשן פון שטאָט אָנצוזופן שווער, דאָס איז ניט נאָכן באָלשעוויסטישן שולכאָן-אָרוך. אָבער איך בין פאָרט מײַן טאָכ-טערס אַ טאַטע און ניט אָבי אַ וועלכער טאַטע... אַז איך האָב גע-

האַנדלט מיט וואַלד, האָט דער וואַלד ניט געקרעכצט אַזוי, ווי ער קרעכצט היינט אונטערן סאָוועטישן האַק... פרישטשעפאָוו דאַרף זיך בײַ מיר לערנען...

דרייזין.

איר האַלט שוין בײַם סאָף, בירגער ראַבינאָק.

זאָיע *פון צווייטן צימער.*

סאָוואַרישטש דרייזין... אַביסעלע מענטשלעכקייט.

ראַבינאָק. *מיט ליבע. האלט זיך גרויס מיט זײַן שייפער און גראָטענער טאָכטער.*

איך האָב איר געזאָגט, זאָיען מײַנער: פאָר אין ווילנע, דאָרט וועסט לעבן ווי דײַן עלטערע שוועסטער האָט געלעבט. דו ווילסט אַ רויטן דירעקטאָר פאַר אַ מאַן, דו ווילסט דעם מוזשעסקאי פאָרטנאָי פאַר אַ מאַן. און די אָוונטן ווילסטו, מײַן טאָכטער, פאַרצײַטיקע.

קנייפט זי אין באַק.

זאָיע.

אַ גוטע נאַכט, פאַפאַ.

ראַבינאָק.

גייט געזונט, קינדער. גייט געזונט, איידעם, זײַ ניט ברוגעז אַפן שווער, איידעם... איך רעכן, אַז אין האַרצן ביסטו מיר אַ גוטער פרײַנט—איידעם, *אין ענערגישער און דורערנדיקער קלונג.* ווער גייט עס צו אונדז? אַ קלונג ניט קיין בא/אַנטער *גייט עפענען. זאָיע און דרייזין וואַרטן אונטער. ראַבינאָק קערט זיך אום מיט דוווירען.* יאָ, יאָ... דער כ' דרייזין איז דאָ.

דרייזין *אין אונטערגעקטרײַכטע צופרידנקייט.*

דוווירקע! צו מיר?

דוווירע *באגריסט זיך מיט זאָיען אין אופגערעגטע.*

דו האָסט פאַרשלעפט מײַנע טעזיסן... *אף עטלעכע מינוט פירט אָפ דוווירע דרייזינען אַנאַזײַט און דערציילט אים עפּעס.* מיט דער דעפּוטאַציע איז אַ סקאַנ-דאַל.

דרייזין *הויך.*

מיר האָבן נאָך גענוג אָפגעשטאַנענע אַרבעטער.

דוווירע.

אַז אַלע אַרבעטער וואָלטן געווען באַוווסטזיניק, וואָלטן זיי אונדז אַלעמען געדאַרפט האָבן אַף קאַפּאָרעס... אַ קאָמוניסט דאַרף קאָנען דערציען די מאַסע.

דרײזין.

אין קאָן ניט זײַן קײַן לערער.

דװירע.

מע דאַרף קאָנען.

דרײזין.

פֿונװאַנען? פֿון דעם, װאָס איך האָב געכליאָבעט די אומזיסטע קרויט פֿון טאַלמעטוירע-קעסל און האָב זיך אויסגעלערנט זאָגן „שאָלום, מוירע“.

דװירע.

װאָס איז דאָס?

דרײזין.

װאָס איז דאָס? דאָס איז זאָל לעבן די זעלבסטהערשונג!

דװירע.

דו ביסט גוט געשטימט... װייסט װאָס איך װאָלט דיר זאָגן *ציילט אײנציקע װערטער.* מיר זײַנען אָפּגעריסן פֿון די מאַסן.

דרײזין *ערנסט.*

און בײַ מיר גײט אַרום דער קאָפּ כאָדאָראָם.

דװירע *קלאַפּט מיטן פֿינגער אָן טיש.*

דרײזין, אָפּגעריסן, אָפּגעריסן, דרײזין.

דרײזין.

אָביעקטיװ גײט דאָס פֿון פֿאַבערן.

דװירע.

פֿון פֿאַבערן און פֿון דיר, און פֿון מיר *באַרויִקט זיך. זעצט זיך צום ראָיאַל* אָט דעם אינסטרומענט האָבן מיר געדאַרפֿט האָבן.

ראַבינאָק *באַװײַזט זיך.*

מאַ ראַאַש, אַז ער שטײט דאָ.

זאָיע.

אין לענין-װינקל, טאַטע, װאָלט ער מער נוצן געגעבן.

ראַבינאָק.

קענסט מיט אים טאָן, מײַן טאָכטער, װאָס דו װילסט... דו מײנסט עס אָפּילע ניט.

דװירע.

איך מײן אויך, אַז איר מײנט עס ניט.

זאָיע *אַנגעצונדן, צו דװירען.*

איר האָט אַ גרויסן טאָעס.

ראַבינאָק.

ניין, מײַן טאָכטער, דער פּאָרטעפּיאַן איז אויסגעשטאַנען שװערע צײַטן... דער פּאָרטעפּיאַן איז גוט געשטאַנען אַף די פֿיס, קוק ניט װאָס ער האָט דרײַ פֿיס.

דרײזין *זוכנדיק אין פּאָרטפֿעל.*

מע דאַרף אים רעקװיזירן.

ראַבינאָק.

פּאַרשפּעקטיקס, אײדעס.

דװירע *שטעלט זיך בערויעז.*

אַ גוטער אינסטרומענט שטײענדיק פֿילט זי *אויס עטלעכע גאַמעס און גײט אריבער אף „קירפּיטשיקי“, צו זאָיען,* איר, כאַװערטע, שפּילט מיסטאָמע גוט?

ראַבינאָק.

זי שפּילט גוט. גאָר גוט.

דװירע *שפּילנדיק.*

בעסער אײדער איך.

ראַבינאָק.

בע-סער... בעסער—בעסער *אָפּ.*

זאָיע.

ניין, מאַדאַם פֿאַבער, איר שפּילט בעסער פֿאַר מיר... איר זײַט טאַקע געקומען נאָך די טעזיסן? אַף װאָס דאַרפֿט איר אַזוי שפּעט די טעזיסן?

דװירע *האַלט אויס אַ פּאַראַכטנדיקן שװײַגן.*

איר זײַט אויך דאָ געװען, װען דער פֿאָטער אײַערער האָט אויסגעריכט די דעלעגאַציע?

זאָיע.

איך געפֿין זיך אין אויסשפּיר-אָפּטײל אָדער בײַ מײַן טאַטן אין שטוב?

דװירע.

בײַ אײַער טאַטן, כאַװערטע זאָיע.

דרײזין לאַכט מיט ניט קײַן גוטן געלעכטער, שפּאַצירט איבערן צימער. זעצט זיך צו. געפֿינט זיך אין דער לאַגע פֿון אַ זײַטיקן באַאָבאַכטער. הערט זיך צו מיט נײַגיר צו דעם געשפּרעך פֿון די צװײ פֿרויען.

ז אָ י ע.

זאָיע איז אויך אַ מענטשלעכער נאָמען. אַזאַ נאָמען ווי דווירע.

ד וו יי ר ע אומדערוואַרטעט.

אַזוי אַפּילע?

ז אָ י ע.

יאָ, איך בין נאָך יונג אַזוי ווי איר. איך וויל לעבן, איך וויל אַרבעטן. איך וויל נישט פֿאַלן אונטער די כורוועס, אָף וועלכע דרייזין און איר בויט די פֿאַבריק.

ד וו יי ר ע.

קאָנקרעטער.

ז אָ י ע.

איך וויל, ווי איר, דורך אַרבעט באַקומען זעלבשטענדיקייט. איך וויל אַרויסגיין פֿון מיין לאַגע, אין וועלכער איך געפֿין זיך אַלס דעם דירעקטאָרס ווייב. איך בעט אַרבעט... טרייבט נישט!

ד וו יי ר ע.

איר ווילט אקאָמפּאַנירן אונדזער קאַפּעליע?

זאָיע לאַכט.

ד וו יי ר ע.

וואָס לאַכט איר?

ז אָ י ע.

אָט וועט דאָ זיין אַן אַרבעט... ביי כאַוועריטע, איר טרייבט און באַליידיקט, און פֿאַבער, אייער מאַן, טרייבט און באַליידיקט, און דריי-זין טרייבט און באַליידיקט.

ד וו יי ר ע.

דרייזין, דו טרייבסט?

ז אָ י ע.

איר טרייבט און באַליידיקט... אַז איך רייד מיט דרייזינען, ענט-פֿערט ער נישט. בין איך געקומען אַפֿן פֿאַבריק, האָט מיך פֿאַבער אַרויס-געטריבן. צו אייך—ווידער דאָסזעלבע.

ד וו יי ר ע.

דאָס טיכל אַפֿן קאָפּ מאַכט אייך אַזוי קאָמיש.

ז אָ י ע.

און איר, דווירע, צוליב וואָס האָט איר זיך אָנגעטאָן ווי אַ מאַנס-ביל. צוליב וואָס האָט איר אָפּגעשאָרן דעם קאָפּ, אַריינגעשטעקט אין אים אַ ווייס קעמעלע, צוליב וואָס טראָגט איר אַ מאַנסבילשע היטל. צוליב וואָס רויכערט איר, צוליב וואָס מאַכט איר נאָך די באַוועגונגען פֿון אייער פּאַרטעישן סעקרעטאַר פֿון קרייזקאָם. שטעלט פּונקט אַזעלכע טריט ווי ער און מאַכט נאָך זיינע גרימאַסן. אָט רויכערט איר און קוקט אַפֿן סטעליע און... אייער סעקרעטאַר קוקט אויך אַזוי.

לאַכט.

ד וו יי ר ע לאַכט.

דרייזין, איך מאַך נאָך דעם כאַווער סאַלאָכע.

דרייזין באַשטעטיקט מיט א מאַך מיטן קאָפּ.

ז אָ י ע.

איר קאָפּירט אים.

ד וו יי ר ע.

איר זייט אַ פּעיקע. איר ווילט אַרבעטן אין ליקפּונקט?

ז אָ י ע טראַכט אַוויילע.

אין ליקפּונקט וואָלט איך וועלן אַרבעטן, איך האָב אַמאָל געגעבן לעקציעס.

ד וו יי ר ע.

מירן זיך פּרוּוון... קומט מיט מיר... מירן זיך צונויפֿריידן מיט פֿאַבערן.

ז אָ י ע.

מיט אייער מאַן?

ד וו יי ר ע.

יאָ, מיטן קולט-אָפּטייל... איר אַנטשולדיקט מיר, כאַווערטע ראַבי-נאָק, איך בעט מיט אַן עמעס מיר אַנטשולדיקן, קום דרייזין.

אַלע אָפּ. די סצענע איז אַוויילע פּוסט. דרייזין לאָזט איבער דעם פּאָרטפעל. עס גייט אַרויס זאָיע, נאָך איר ראַבינאָק.

ר א ב י נ אָ ק.

און דו, מיין טאָכטער?

ז אָ י ע.

איך גיי אַף דער פֿאַבריק.

ראַבינאָק.
גיי, גיי, גיי. גיי, מײַן טאָכטער, אַף דער פֿאַבריק.

פֿינמאַן, ראַבינאָק, גערשט.

פֿינמאַן פֿירט זיך ברייטלעך און נעמט שפּילן און זינגען „קיר־פּיטשיקי:״ און באַמערקט דעם פּאָרטפֿעל, וואָס דרייזין האָט איבערגעלאָזן, נעמט אים אין האַנט און פּרוּווט אים עפֿענען. אַווײַלע ווערט פֿינצטער. א ווינקל פֿון סצענע ווערט באַלויכטן. ארום א טיש זיצן ארבעטער. אף אים אין אומאָרדענונג ארבקאָרישע נאָטיצן.

דווירע.
נאָר וואָס באַ ראַבינאָקן דרייזינען געטראָפֿן... דאָס איז אַ סקאַנדאַל... מיט דער דעפּוטאַציע איז אַ סקאַנדאַל... מיר דאַרפֿן דרייזינען העלפֿן פּאַסער ווערן פֿון ראַבינאָקן.

פֿאַבער.
גאַבעטשיכע... העלפֿן... האַ, האַ, האַ.

אַבצל.
דער מענוּוול דאַרף טײַער באַצאָלן פֿאַר דער דעפּוטאַציע.

לערנער.
וועמען רופֿסטו אָן מענוּוול?

אַנצל.
ראַבינאָקן.

פֿאַבער.
און איך האָב געמיינט דרייזינען פֿײַפֿט.

דווירע.
דרייזין איז ניט קיין מענוּוול, יאָסעף.

אַנצל.
דרייזינען דאַרף מען אויך אָנרײַבן אַ מאָרדע.

דווירע.
דרייזין איז סאָלידאַר מיטן שווער?

פֿאַבער.
פּאַקטיש יאָ, סאָלידאַר... פֿאַרטיידיקערן.

דווירע.
יאָ, איך פֿאַרטיידיק.

פֿאַבער.
יאָ, און איך באַשולדיק.

אַבלאַמונטשיק קומט אריין צואמען מיט בלאַטן.
אָט אַזוי רייד. זאָלסט מיר, בלאַט, ניט איבערמאַכן דעם אָנהויב...
מײַן נאָמען ניט אונטערשרייבן... דרײַ מאָל איינע אונטער די אַנדערע זאָלן גיין „ווּ ביסטו״: דירעקטאָר, ווּ ביסטו, דערנאָך—שטאָט־סאָוועט, ווּ ביסטו און אונטן—רעדאַקציע, ווּ ביסטו.

אָט און באַגעגנט זיך מיט דרייזינען. הינטער דרייזינס פּלייצע ווינקט ער דער רעדקאָלעגיע, זיי זאָלן זיין פֿאָרזיכטיקער מיט דער נאָטיץ.

דרייזין פֿילט זיך ניט באַקוועם.
איר מאַכט דאָ די וואַנטצײַטונג?

לערנער.
יאָ, מיר מאַכן די צײַטונג.

אַנצל.
יאָ, די וואַנטצײַטונג.

פֿאַבער שטרייכט אונטער בייסיק.
יאָ, יאָ, מיר מאַכן די צײַטונג.

דרייזין.
בלײַבסט דאָ, דווירע?

פֿאַבער.
יאָ, זי בלײַבט דאָ.

דווירע קוקט אַף פֿאַבערן, וויל אים וואָס זאָגן, האָט כאַראָטע.
דו גייסט אַהיים, פּיניע?

דרייזין.
איך האָב איבערגעלאָזן באַ ראַבינאָקן מײַן פּאָרטפֿעל.

פֿאַבער.
האַ־האַ־האַ־האַ קוקט ארײַן אין א נאָטיץ. אַבלאַמונטשיק האָט זיך אויסגעלערנט.

דרייזין באַטראַכט אומבאַהאָלפֿן יינגלש דעם אוילעם, די נאָטיצן, וועלכע ליגן אין אומאָרדענונג אַפֿן טיש. און פּלוצלונג רוקט ער זיך אַרויס פֿון צימער.

פֿאַבער.

ער שרײַבט אַנטיק. לייענט „די פֿאַבריק אונדזערע דאַרף ניט קיין רײַכע קרויווים לאכט. אין ראַבינאָקס שפּײַכלערס קאָנען מיר האַלטן באַוול, בענזין. און דאָס מויערל קאָן אונדז אויך צונוץ קומען". אַנטיק.

דווירע ווי אַף צולאָכעס פֿאַבערן.

מיר גייען שוין אין שטאָט-סאָוועט. דו, פֿאַבער, גייסט מיט אונדז?

פֿאַבער.

אין קאָמוויִרט זיצן כאַבאַרניקעס, דווירע. דער גענעק איז אַף דער זײַט פֿון די ראַבינאָקס.

דווירע.

אַף אונדזער זײַט.

פֿאַבער.

מוניציפּאַליזירן פּריוואַטע הײַזער קען מען נאָר פֿאַר ווירטשאַפֿט-לאָזיקײַט... און ראַבינאָקס מויער איז שטאַרק.

די לעצטע פֿראַזע רעדט ער שוין אַרויס, ווען דווירע מיט די איבעריקע פֿאַרלאָזן די בינע.

ווידער בײַ ראַבינאָקן אין הויז.

ראַבינאָק צונעמענדיק דעם פּאָרטפעל בײַ פֿינמאַנען מיט אַ פֿעסטער האַנט.

מיר לעבן איצט איבער מאָשיעכס צײַטן. זאָל קומען מאָשיעך און דעם מויער מײַנעם וועל איך אײַנהאַלטן. זאָל ער קומען אַף אַ ווײַסן פֿערד און פֿאַרפֿאָרן צו מיר... מילאָסטי פּראָסים... אין די סאָוועצקע אַכסאַניעס קאָנסטו ניט פֿאַרפֿאָרן: דאָרטן זײַנען וואַנצן.

גערשט.

און איך בין אַ ציעניסט, זיי מאָגן טויזנט מאָל פֿאַרווערן,—איך בלײַב אַ ציעניסט. שפּיל, מיכלקע, „האַטיקוואָ".

פֿינמאַן.

דיר ווילט זיך „האַטיקוואָ", נאַ דיר „האַטיקוואָ"

פֿינמאַן הויבט אָן שפּילן „האַטיקוואָ" און גייט איבער צו דער בונדישער „שוווע". גערשט זינגט „האַטיקוואָ" אײַנצייטיק מיט פֿינמאַנס שפּילן.

ראַבינאָק ווי נאָר פֿינמאַן הויבט אָן די „שוווע", רעדט ער אַרויס די ווערטער ווי פֿאַר זיך.

אַלע וואָס זײַנען צעזייט און צעשפּרייט, צוזאַמען, צוזאַמען... מיט פּאַטאָס. צעזייט און צעשפּרייט, צוזאַמען צוזאַמען... דאָס קלינגט אַזוי

יידישלעך. אָט דאָס איז געווען אַ פּאַרטיי, אָט דאָס איז געווען אַ פּאַרטיי. אין פֿינפֿטן יאָר האָב איך געגעבן אַליין געלט אַף אַ „סאַמאָאָבאָראָנע" דעם בונד. אַז אין דעמזעלבן טאָג זײַנען געקומען די עסערן נעמען געלט אַף אָבאָראָנע, האָב איך זיי געענטפֿערט: אײַך גיב איך ניט קיין געלט אַף אבאָראָנע. זיי מיטן רעוואָלווער טומלען, פֿאַרוואָס? און איך באַווײַז זיי די קוויטאַנציע און ענטפֿער... איך גיי זיך מיט אײַך פֿאַנאַנדער אין דער נאַצפּראַגע. איך בין אַ בונדאָוועץ, און זיי זײַנען אַוועק ווי נאַרן.

גערשט.

בונדאָווצעס, וואָס איז בונדאָווצעס... בונדאָווצעס האָבן ניט אָפּגענומען קיין פֿאַבריקן... זיי האָבן גערעדט, פּאָזשאַלויסטאַ... טאָמער וועסטו פֿויעל זײַן בײַ דעם רויטן דירעקטאָר, ער זאָל צונעמען מײַנע מאַשינעס.

פֿינמאַן.

גיב מיר, גערשט, נאָך דרײַ טשערוואָנצעס.

גערשט.

אַף וואָס פֿאַר אַ רעכענונג?

ראַבינאָק.

אַף מײַן רעכענונג.

פֿינמאַן.

און איך אַף אײַער אָרט, רעב אַרן, פֿאַרקויף די נאַכלעס. שיק איבער די פּאָר רובל אין זאַהאָוו און מאַרש קיין ערעצייסראָעל, דער מויער איז פֿונדעסטוועגן אין סאַקאָנע.

ראַבינאָק.

דו שיקסט מיך, מיכלקע, אין ערעצייסראָעל! הע-הע-הע-... לוסט-רײַזעס מאַכן איז מיר שוין צו שפּעט און שטאַרבן איז נאָך צו פֿרי. לויט דעם רעגלאַמענט פֿון די ראַבינאָקס האָב איך נאָך צו לעבן אַ יאָר 20—25 קוקט אין באָרד.

גערשט ציילט אויס געלט און גיט פֿינמאַנען.

איך פֿאַרשטיי ניט, בונדאָוועץ, פֿון מיקווע האַלטסטו און פֿון ערעצייסראָעל ניט.

ראַבינאָק.

מיקווע איז אַ לעבעדיקע זאַך. מיקווע איז אַמביציע. מיקווע איז קאַמף. מיקווע שווענקט אַראָפּ דעם קאָמוניזם און ערעצייסראָעל איז

פֿאַר באַטלאָנים, פֿאַר קיצווע-ייִדן, פֿאַר פּיזקולטורניקעס, וועלכע מע לאָזט ניט אין קאָמסאָמאָל... זעצן זיך אָף די עלטערע יאָרן באַ דעם קויסל-מאַראָווע און טילים זאָגן... הע-הע-הע... ניין, דאָ בין איך אײַנשטימיק מיט זיי. איך האַלט, אַז מע דאַרף ניט טשעפּען דעם פֿעטער יישמאָעלן... איך זאָג זיך ניט אָפּ פֿון מײַן קריטעטענציע, מיר וועלן אָף דעם איידעמס פֿאַבריק אָפּטאָן אַזאַ אַקציע פֿאַ בונדאָווסקאָמו. דאָס וועט אַרויסרופֿן אַ שטורעם, וואָס וועגן דער אַקציע וועט מען ריידן אין ריגע באַם רעבן, וואָס ווען איר וועט שרײַבן אין „מאָמענט“ הילעל צײַטלין.

פֿ י נ מ אַ ן.

דער ייִד האָט אַ רײַכע פֿאַנטאַזיע.

ר אַ ב י נ אָ ק.

מיר נעמען אַף זיך די כאַסענע, וואָס באַ דער אַלטער מויד מיט ביביקן און דאָוקע אין דעם טאָג, ווען באַ זיי איז דער פֿאַבריק-יאָנטעוו..

ג ע ר ש ט.

און די יאַטשייקע?

ר אַ ב י נ אָ ק.

באַלקאַרכאָ איז דער אַרבעטער אויס ייִד. דער אַרבעטער, דער ייִדישער גאַרט נאָך אַ ייִדיש זעמערל, נאָך אַ כאַבאַדקעלע, נאָך אַ דווייקעלע, נאָך אַ שטייגערל, נאָך אַ ניגן פֿון ליבאַוועטשער רעבע, נאָך אַ צימעסל, נאָך ייִדישע מײַכאָלים און ייִדישע מינהאָגים. אָט דאָס איז אונדזער געווער.

ג ע ר ש ט.

און טויזנטער אַריילים ייִדישע?

ר א ב י נ אָ ק.

און וויפֿל קאָמוניסטן זײַנען מאַל אַליין זייערע קינדער. און וויפֿל ייִדישע קאָמוניסטן גייען אַף קידעש-האַשעם און שנײַדן די קינדער... דו וועסט זען ווי די אַרבעטער וועלן אויפֿנעמען דעם ראָוו... אָט דאָס וועט זײַן אַן אַקציע;

ג ע ר ש ט זינגט.

אויד לוי אָוודאָ טיקוואָסיינו... קום, ראַבקאָר, פֿאַרענדיקן דעם שאָך.

פֿ י נ מ אַ ן.

ביסט דאָך מאַט אַף דעם פֿערטן גאַנג.

ג ע ר ש ט.

עס ליגט דען אין קאָפּ דער שאָך, אז מיר שטעכט אין האַרצן דער גאַנצער קוואַרטאַל גייט אוועק.

פֿ י נ מ אַ ן מיטן רוקן צו גערשטן, ווי צו זיך אליין.

און מיר, שוטע, שטעכט אין האַרצן ניט נאָר דער גאַנצער קוואַרטאַל, מיר שטעכט אין האַרצן די אָרדענונג, מיר שטעכן אין האַרצן די נײַע באַלעבאַטים, די כאַמסטווע, די פּיניעס, די ראַבינאָקס און דײַן גמילעסכעסדל.

ג ע ר ש ט וועלכער האט זיך פֿארהאלטן באַם ארויסגאנג.

קענסט מיר די דרײַ טשערוואָנצעס אומקערן צוריק אָפּ.

פינמאן ענטפֿערט ניט און גייט אַרום אַן אויפֿגערעגטער איבערן צימער.

ד ר ײַ ז י ן גייט אַרײַן אַ צעטראָגענער און אַן אויפֿגערעגטער.

דאָ האָב איך איבערגעלאָזן דעם פּאָרטפֿעל.

געפֿינט אים ניט אפֿן ראָיאַל.

פֿ י נ מ אַ ן.

באַם שווער דרייזין גייט נאָכן פּאָרטפֿעל און קערט זיך אום צוריק. פֿינמאַן פֿאַרהאַלט אים. וואָס וועט זײַן, כאַווער דרייזין, מיר ווערט איבערדריסיק מײַן אומבאַשטימטע לאַגע.

ד ר ײַ ז י ן מיט א צײַטונג אין האנט.

ניט איר האָט דאָס געשריבן? שטרײַכט אונטער „איר“.

פֿ י נ מ אָ ן.

איך? רויִקער איך וויל רעאָרגאַניזירן די פֿאַרבערײַ.

ד ר ײַ ז י ן.

פֿאַרשריבן אַף דער בירזשע?

פֿ י נ מ אָ ן.

פֿאַר מיר די בירזשע? צו וואָס פֿירט עס אַלץ?

ד ר ײַ ז י ן.

צום סאָציאַליזם.

עס באווײַזט זיך זאָיע. זי הערט זיך צו צום געשפּרעך, וואָלט וועלן בלײַבן אומבאמערקט.

פֿ י נ מ אָ ן.

כאָ! דער שווער דײַנער רעדט אויך וועגן סאָציאַליזם, די ווײַב אויך.

ד ר ײ ז י ן.

איז די קאָרעספּאָנדענץ דײַנע? נאַריש!

פ י נ מ אַ ן.

ערן וואָרט, איך טשעפּע ניט דײַן װײַב... דו ביזט געוואָרן אן אויסגעצײכנטער ביוראָקראַט.

ד ר ײ ז י ן.

דו זעסט אויס אַזוי לעכערלעך.

פ י נ מ אַ ן.

לעכערלעך?

ד ר ײ ז י ן.

און נעבעכדיק.

פ י נ מ אַ ן גיט זיך אונטער.

פיניע, האָסט זיך אויסגעלערנט פאַר אַ קורצער צײַט טרעטן לעבעדיקע מענטשן.

ד ר ײ ז י ן.

ניט לעבעדיקע—טויטע!

פ י נ מ אַ ן.

וואָס באַדײַט עס?

ד ר ײ ז י ן.

מיר דאַרפן אַן אונדזעריקן, און איך ווער ניט ניספּאָעל, וואָס דו האָסט נאָר אַמאָל אָנגעפירט מיט אַ קרײַזל.

פ י נ מ אַ ן.

באָלשעוויק.

ד ר ײ ז י ן.

יאָ.

פ י נ מ אַ ן.

דו האָסט מוירע איך זאָל ניט אַרונטערײַסן דײַן אַווטאָריטעט. דיר רעגט אויף מײַן פרײַנטשאַפט מיט דײַן פרוי, איך וועל געפינען מיטלען ווי אײַנצושטילן דײַן דירעקטאָרישן האָנאָר, סאָציאַליסטישער בויער!

ז אָ י ע.

מישינקע, ווילסט איבערשרעקן אַ געוועזענעם שנײַדער... כאַ-כאַ-כאַ... גיב, מיכאַיל, אַ פּאַפּיראָס... געווען, פימע, אַף דער פאַבריק... מע האָט מיך ניט אופגעגעסן, ניט אופגעגעסן... קום אַ היים.

עס רײַסן זיך אַרײַן די ווײַבער, וואָס זײַנען געגאַנגען מיט אַ דעלעגאַציע, פאַרצווייפלטע און באַליידיקטע.

— אַהאַ, געפּאַקט דיך, אונדזער ברויטגעבער.

— ווו איז ער, דער שווער דײַנער, איך וועל אים די אויגן אויסדראַפּען.

— אַי, ביזיוינעס, עס האָט געפלאַמט דער פּאָנים פון ביזיוינעס.

ש ײ נ ע צ ו ר ע.

און אויך מײַן פּאָנים.

— טשערוויאַקאָוו האָט אונדז געסטראַמעט. ווער האָט אונדז געשיקט, האָט ער אונדז געפרעגט.

— אַ שיינע יערושע, דרייזעניוקעלע.

— פּאָרטאָפּיאַנע שפּילינקען.

— די מאַדאַם זשי-יאָע שפּילט פּיאַנע און דער דירעקטערל הערט,

— שפּילט זשאָיע, שפּילט פּאָרטאָפּיאַנע.

ז אָ י ע מיט קראַפּט.

יאָ, פאָרטאָפּיאַנע!

ר אַ ב י נ אָ ק.

שפּיל!

זעצט זיך אן אופגערעגטע באַם ראיאַל און גיט עפּלעכע מעכטיקע אקאָרדן און הויבט ראַשיק שפּילן. די אַרבעטער בלײַבן שטײן ווי פאַרגליווערטע, לאָזן אראָפּ די הענט, דרייזין דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזן. ראַבינאַק עסס זיך אײַן אין דרייזינען, גייט צו גאַדלעסדיק און שטעלט זיך הינטער זײַן סאָכטערס פּלייצע. די אַרבעטערנס, איינע נאָך דער אנדערער, לאָזן זיך פּלוצלונג צום פאָרשטייער פון קאָמווירט, וועלכער קומט ארוף אפן סצענע פון דער צווייטער זײַט צוזאַמען מיט בלאַטן, אבלאַמונטשיקן און צוויקן. זיי ציען אויס די רולעטקע, פאַרצייכענען די הויך, לענג און ברייט פון ראַבינאָקס הויז.

ר אַ ב י נ אָ ק פאַרוויבן.

וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט... אין מײַן שטוב?

ש ט י מ ע ן.

— אַהאַ!

— געפּאַקט.
— געקומען.
— נעמט, כאַווײרים.

בלאָט גײט צו נאָענט צו ראַבינאָק!.

פּראַקטישע אַרבעט איבער געאָמעטריע.

אַבלאַמונטשיק.

יאָ, יאָ, פאַניע ראַבינאָק, געמעטריע... פֿאַרשרײַבט. אין וואַנט פֿעלט אַ שטיקל טינק. פֿאַרטיק.

ראַבינאָק.

וואָס באַדײַט עס, אײדעם.

אַ פֿרוי.

דערקלער אים, דרײזין.

דרײזין.

זײ זײַנען געקומען נאָכן מויער.

ראַבינאָק.

וואָ-אָ-אָס?

דרײזין ווי צו א טויבן.

נאָכן מויער זײַנען זײ געקומען.

דריטער אַקט.

1־טע בילד.

דרײזין מיטן גאנצן קערפּער איבערגעבויגן איבער דעם טיש.

כאָנצע, רוף מיר אַרײַן אָרעשן. ער זאָל שוין אַרײַן.

כאָנצע באַווײַזט זיך אין טיר.

זאָגן, אַז דער דירעקטאָר רופט.

באַדורין אַרײַנגײענדיק.

ווער דען רופט, סטראַזש רעוואָלוציע, א פֿרײַנטלעכער קלאַפּ איבער כאָנצעס פּלײצע.

כאָנצע.

ווײַל מע וועט לערנען די פֿאַרשע באָלעק זינגט. ווי ער וואָלט מאַווריר די סערדע זײַן מערעלע, טיפּעלע, מונינקע, וואָס מאַכסטו.

באַדורין.

כי-כי-כי! זינגט אויך הײזעריקלעך. מערכאָ, טיפּכאָ, מונאך עסנאַכטאָ...
גיסט זיך נאָך, כאָנצע, ווי אַ סאָוועטסקער אינוואַליד.

כאָנצע. רוקט אַרײַן דעם קאָפּ אין טיר.

אינוואַליד אימפּעריאַליזמא.

באַדורין.

און איך האָב געמײנט פּאַראַליזמא רוקט אונטער דרײזינען א פּעקל פּאַפּירן שרײַבט אונטער, און דאָ, און דאָ, און דאָ דרײזין שרײַבט. באַדורין גײט אַוועק און קערט זיך אום צוריק. כאַווער דרײזין, מיר וועלן ווײַטער אַרײַנפֿאַלן אין צײַטונג: צוויי מאַשינעס ושאַווערן אונטערן רעגן.

דרײזין.

און די ברעזענטן?

באַדורין.

ראַגוזשעס, און ניט ברעזענטן. איך שיק הײַנט אַ בריוו אין דזשוטעווער פֿאַבריק.

אַוועקגײענדיק, באַגעגנט זיך באַם אַרויסגאַנג מיט אָרעשן. טרעט אים אָפּ דעם וועג.

אָרעש.

סאָוו-טאָרג-סלוזש... *צו דרײַזינען.* איך בין דאָ.

דרײַזין *בײז, קוקט ניט אויף אָרעשן.*

זיך!

אָרעש.

עפּעס ביסטו מיר איידל הײַנט, כאַווער דירעקטאָר, איך קען בײַשטיין מײַן שטעטל, איך בין דאָ אַף דער פֿאַבריק ניט קײַן גאַסט *באַווײַזט זײַנע הענט.* אָט די צוויי לאָזונגען האָבן דאָ געפּראַצעוועט, ווען דו ביסט נאָך באַם טאַטן אונטערן טיש אַרומגעלאָפֿן... אַף פּאַרקאָווסקען געהאָרעוועט.

דרײַזין

און דערפֿאַר, אַלטער אַרבעטער, זאָלן ברענען די נײַע אונדזערע קאָרפּוסן! ברענען!

אָרעש.

זיך!

דרײַזין.

ברענען?

אָרעש. *עס מאַכט אַף אים אַן אײַנדרוק.*

יונגער מאַן!

דרײַזין *באַהאַלט סיך אין זײַן פּאָניִם די ניטערנסטקײַט.*

בונטעווען די אַרבעטער? אַראָפּרײַסן די בויונג?

אָרעש.

האָט דער דירעקטאָר ניט געדאַרפֿט אַרויסוואַרפֿן דעם לאָזונג: „קאָנ־וועדסן".

דרײַזין.

און „אויפֿרײַסן די פֿאַבריק" איז אַ לאָזונג?

אָרעש.

און אַ ווײַב מיט פֿיר קינדער איז אַ לאָזונג, צי ניט.

דרײַזין *שוין דאָס מאָל ערנסט.*

פֿאַלש... דעמאַגאָגיע.

אָרעש.

האָמאָן האָאַגאַגי בען האַמדאָסאָ... ראַבינאָקס מויער לאָזטו איבער: דיר ווילט זיך אַ יערושעלע.

דרײַזין.

דו האָסט זיך פֿאַרבענקט נאָכן אַלטן באַלעבאָס.

אָרעש *שטומט אַ רעגע פֿון ווייטיק.*

דאָרטן שוואַרצט מען מיך מיט מענשעוויק. און דאָ מיטן אַלטן באַלעבאָס — אָט פֿונוואַנען דאָס גייט.

דרײַזין.

ביסט אַ סוינע דער פֿאַבריק, אַ סוינע די נײַע קאָרפּוסן.

אָרעש.

איך לאָז ניט הויבן די קאָרפּוסן, איך האָב פֿײַנט די פֿאַבריק?

דרײַזין.

איז וואָס ביסטו?... פּאַרקאָווסקע אין ווילנע באַרימט זיך, אַז אָרעש בענקט נאָך אים.

אָרעש.

ניט איך, און ניט פֿון מײַן שטוב איז מען מיט אַ דעפּוטאַציע געגאַנגען... ווען פּאַרקאָווסקע כאַפּט זיך אַרײַן אין מײַנע הענט... זאָל מיר אַף ווײַטער אָפּנעמען דער לאָשן *גיט זיך אונטער,* איך האָב פֿײַנט די פֿאַבריק, איך האָב פֿײַנט די פֿאַבריק... מע וועט שוין באַלד ניט לאָזן אָנבייזערן זיך אַף דער אייגענער ווײַב — אַ וועלטעלע.

דרײַזין.

איז וואָס זאָגסטו צו, אָרעש, אַף ווײַטער.

אָרעש.

מײַן קאָססאָמאָלעץ דערגיים מיר די יאָרן, דו לייגסט מיך אין דער ערד. *קלאַפּט מיטן האַנט איבערן מויל* אָרעש, אָרעש — זאָל באַ דיר דאַרן די צונג, איידער דו וועסט וועגן דער פֿאַבריק אַ וואָרט אויסריידן.

ד ר ײ ז י ן גיט אים אַ פּאַפּיראָס.

גיסטו אַ האַנט, אַז דו װערסט אַ מענטש.

אָ ר ע ש.

נאָ דיר מײַנע בײדע הענט... און איצט װעגן דײַנער אַ זאַך. איך פֿאַרשטײ, ביסט אַ שנײַדער אַ היציקער, דאָס װײַבל דײַנע איז אַ צאַצקע, געפֿעלט דיר דער פּרעדמעט, נאָר איך װאָלט דיר געבן אַן אײצע: אָפּשיקן זי מיט אַ פּוטער-בולקע, אָדער נעם אַרויס די בעהײמע און פֿאַרברען די שטאָל.

ד ר ײ ז י ן.

מיר ברענען ניט, אָרעש. ראַבינאָקס שטאָל װעט אונדז צונוץ קומען.

אָ ר ע ש.

װילסט טאָקע פֿאַרשאַפֿן דעם שװערס מױערל, אַבי אַרבעטער רײדן, אַז דו האָסט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין ראַבינאָקס שאַבעסדיקן סורדוק... איז שיק זי אָפּ מיט אַ פּוטער-בולקע. באַם אַװעקגײן שיק זי אָפּ מיט אַ פּוטער-בולקע אָפּ.

ד ר ײ ז י ן כאַפּט זיך פֿאַרן קאָפּ.

פֿאַרפּלאָנטערט... פֿאַרפּלאָנטערט, קאָמפּראָמעטירט... מאַכן אַ סאָף, אַרױסרײַסן פֿון האַרצן מיט בלוט. דרײזין אָפּ.

אופֿטרעטן פֿאַבער און פֿינמאַן.

פֿ י נ מ אַ ן.

איך בין צופֿרידן, כאַװער פֿאַבער, װאָס איך האָב אײַך סאָפֿקאָלסאָף געטראָפֿן דאָ, איר מוזט מיר ענטפֿערן אַף אַ װיכטיקער פֿראַגע.

פֿ אָ ב ע ר. מאַכט עטלעכע טריט פֿון פֿינמאַנען. קערט זיך אום צוריק און שטעלט זיך אָפּ האַרט נעבן אים. נו?

פֿ י נ מ אַ ן.

פּערזענלעכע מאָמענטן דאַרפֿן פֿאַרנעמען אַן אָרט אין פֿראַגן פֿון סאָציאַליסטישער בױונג? זאָגט אָפֿן און קלאָר: יאָ אָדער ניט.

פֿ אָ ב ע ר.

אַבסטראַקט... רעדט דײַטלעכער.

פֿ י נ מ אַ ן.

צום באַדױערן... זעלבסקאָסט, קװאַליטעט און פֿון באַחלנע סקאַרפּעטקעס איז נאָך אָפּהענגיק פֿון דעם, װי אַזױ עס קאָכט דער מאָגן בײַ אײַער פּראָלעטאַרישן דירעקטאָר.

פֿ אַ ב ע ר.

איר פּלױדערט אָדער איר פּלױדערט ניט?

פֿ י נ מ אַ ן.

איך בין אַן אומפּאַרטײַישער ספּעציאַליסט, און איך פֿאַרזיכער אײַך, אַז מײַן פֿרײַנטשאַפֿט מיט דער בירגערן ראַבינאָק, מײַן פֿרײַנטשאַפֿט, װעלכע עס ציט זיך נאָך פֿון אונדזערע קינדער-יאָרן, שטערט מיר שטאַרק צו דער אַרבעט צוטרעטן. איך בין ניט קײן קאָמוניסט, און האָב געהאַט מוט װאַרפֿן אין פּאָנים דרײזינען דעם עמעס. דאָס איז אַ פֿאַקט, אַז די ראַבינאָקס, האַגאַם מײַנע פֿרײַנט, האָבן זיך אַרײַנגעשניטן אין פֿאַבריק-לעבן.

פֿ אַ ב ע ר.

אַזױ איז עס, צום טײַװל... איז װאָס װילט איר?

פֿ י נ מ אַ ן.

אָט איז מײַן פּראָיעקט, װי אַזױ רעאָרגאַניזירן די פֿאַרבערײַ, אָט זײַנען ציפֿערן. אָט זײַנען פֿאָרמולעס, אַ ליאַדער פֿאַבזאַװאָטשניק װעט דאָס פֿאַרשטײן.

פֿ אַ ב ע ר.

מיר װעלן אײַך אױסהערן אַף דער פּראָדוציר-באַראַטונג.

פֿ י נ מ אַ ן.

איך װער אײַנגעלאַדן מיט דעם העסקעם פֿון קעמערל?

פֿ אָ ב ע ר באַטראַכט אים פֿאַרדעכטיק.

ניט אײַער דײַגע... װעגט אָפּ און מעסט אָפּ און באַגרינדעט, אַז אַלץ זאָל זײַן קלאָר און פֿאַרשטענדלעך.

עס קומט אַרײַן מיט אַ בעזים כאַנצע, ער ראַמט אויף דעם צימער און זינגט אײנע פֿון זײַנע באַליבטע לידלעך, עס באַחײַזט זיך באַדורין, דאָסמאָל אַ רויִקער און אַ זעלבסטבאַװוסטער.

ב אַ ד ו ר י ן.

איך און דו, כאַנצע, זײַנען די גרעסטע האַרוטניקעס אין דער װעלט. אין קאָמוניזם גלויב איך, כאַנצע, נאָר איך גלויב ניט, אַז בוכהאַלטאָרן זאָלן דאָס דערלעבן. זעסט אַ קאָפּ.

כ אָ נ צ ע.

שיוו.

ב אַ ד ו ר י ן.

פֿון די באַלאַנסן, כאַוועה כאָנצע.

כ אָ נ צ ע.

און פֿון די אייניקלעך,

ב אַ ד ו ר י ן.

ניט פֿון די אייניקלעך—פֿון די באַלאַנסן. קאָלומאַן עס וועלן לעבן אַף דער וועלט בוכהאַלטאָרן, קאָן קיין קאָמוניזם ניט אָנקומען.

כ אָ נ צ ע.

דו אַלץ „בוכהאַלטאָרן“... און ווי אַז מע קומט צו באַדוריינען און מע זאָגט אים—פֿיר דו די וועלט?

ב אַ ד ו ר י ן דערשראָקן, צוטומלט.

וואָס הייסט, איך?... פירן די וועלט.

כ אָ נ צ ע.

יאָ, פֿירן, באַדורין, די ווסעמירנע רעוואָלוציע.

ב אַ ד ו ר י ן באטראכט זיך.

אַז מע וואָלט הייסן פֿירן, וואָלט מען פֿירן... די ערשטע זאַך וואָלט איך ענגלאַנד געגעבן פּאָשאַפּקע.

כ אָ נ צ ע.

פֿאַר ערעץ-ייִסראָעל?

ב אַ ד ו ר י ן.

יאָ, פֿאַר פּאַלעסטינע. באַלפֿורן וואָלט איך זאָגן „בראָטקע באַל-פֿור“—„מינולאָ זאָלאָטאָיע וורעמיאַטשקאָ“. פּאַרדאָן, דער פֿעלאַך װיל אויך עסן.

כ אָ נ צ ע.

זוויניאַיוס, איר ווילט עסן, קאָנט איר עסן, אָבער שלאָגט זיך ניט.

ב אַ ד ו ר י ן.

די ציוניסטן וואָלט איך... דרייט פֿאָרן אויער ווער איז דער אַראַבער? אַ קאָרעוו, אַ שוועסטערקינד.

כ אָ נ צ ע.

זוויניאַיוס, און די עמונע וואָלסטו אויך גערוידעפֿט!

ב אַ ד ו ר י ן.

מיט דער עמונע איז אַ מיעסע מייַסע. צײלט אף די פֿינגער דער טראַק-טאָר דאַרף ניט עמונע, דער טאַנק דאַרף ניט די עמונע. מיט גײַוע איך האָב אַ פּלימעניק אַ פּילאָט—דאַרף ער ניט די עמונע, ראַדיאָ דאַרף אויך ניט די עמונע. דאַרפֿן די עמונע קוסטאַרן אָדינאָטשקעס, זײַנען מיר די קוסטאַרן אָט ווו אַרײַן אין די בײַנער... אַרבעטער זײַנען באַ אונדז, קוסטאַרן, קוסטאַרן, קוסטאַרן.

כ אָ נ צ ע.

קלאָגט מען זיך אין פֿאַבקאָם... פֿאַבערן.

עס קומט אַרײַן פֿאַבער מיט דווײרען.

ב אַ ד ו ר י ן קוקט זיך ארום.

און פֿאַבער איז וואָס? פֿאַבער איז אויך אַ קוסטאַר. אַף מײַן ייִד, אַ קוסטאַר, אַ קוסטאַר בען קוסטאַר.

בײדע קנײַטן ברויט, רײַסן שטיקער וורשט, דווײרע בלעטערט אַ בראָשור, פֿאַבער—אַ צײַטונג.

ד וו יי ר ע.

רוף מיר אָן כאָטש איינעם, וועלכער זאָל דיר געפֿעלן, אַלץ, וואָס יענער טוט, געפֿעלט דיר ניט, דרייזין געפֿעלט דיר ניט, די בויונג גע-פֿעלט דיר ניט, די מאַשינעס געפֿעלן דיר ניט.

פֿ אָ ב ע ר.

גוטע וורשט... און ראַבינאָק געפֿעלט מיר אויך נישט.

ד וו יי ר ע.

וואָס האָט עס צו ראַבינאָקן?

פֿ אָ ב ע ר.

דו ביסט פֿאַרבלענדט, און איך קוק אַף אַלץ ניכטער.

ד וו יי ר ע.

דרייזין האָט אויפֿגעשטעלט די פֿאַבריק, צי ניט?

פֿ אָ ב ע ר.

אויפֿגעשטעלט די פֿאַבריק, נײַע קאָרפּוסן, פֿײערלעכע דערעפֿענונג. ביסט אַף אַ מאַסאָווקע אָדער דו ביסט פֿאַרבלענדט און די אויגן וועען גאָרנישט?

ד ו ײ ר ע.

מײַנע אויגן זעען גוט, בײַנע אויגן זעען, ווי מיט יעדן טאָג לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער. מע האַלט דיך אין רײַקאָם פֿאַר אַן אָפּגעזונגענעם.

פֿ אַ ב ע ר.

ווער עס וועט אויפֿהערן צו זינגען, וועט די צײַט ווײַזן. ס׳קען זײַן, אַז איך וועל פֿריִער אויפֿהערן זינגען, און ס׳קען זײַן, אַז די קעמערל.

ד ו ײ ר ע.

עס עקלט פֿון דיר.

פֿ אַ ב ע ר.

וואָס האָסטו געזאָגט?

ד ו ײ ר ע.

עס עקלט פֿון דיר.

פֿ אַ ב ע ר.

איגטעליגענטקע.

ד ו ײ ר ע.

איך בין אַן אינטעליגענטקע? דו אַליין וואָלסט דאָך טאַקע וועלן זײַן אַן אינטעליגענט, באַ דיר אַליין זײַנען די ראַבינאָקס דער אידעאַל.

פֿ אַ ב ע ר.

די ראַבינאָקס זײַנען שטאַרקער פֿאַר אונדז. ראַבינאָקס מויער וועט בלײַבן אַף זײַן אָרט. ראַבינאָק בלײַבט ווי פֿריער הערשן.

ד ו ײ ר ע מיט בייזער איראָניע.

אַז עס בלײַבט דער מויער, דאַרפֿסטו דאָך זײַן אַ צופֿרידענער, איי ביסטו אַ קאָמוניסט—טפֿו!

פֿ אַ ב ע ר.

פֿאַרוואָס לאָזט ניט צו דרייזין צו דער אַרבעט פינמאַנען?

ד ו ײ ר ע.

געקומען אַ סוביעקט אין אַ פּעטרעווער הוט—און דו קוקסט שוין אים אין מויל אַרײַן.

פֿ אַ ב ע ר.

די פּעטרעווע הוט וואָלט געאַרבעט אַפֿן פֿאַבריק, ווען דער דירעקטאָר וואָלט ניט מוירע האָבן פֿאַר דער ווײַב.

ד ו ײ ר ע.

פֿע, קליינבירגער! עס קלינגט דער טעלעפֿאָן, דווירע נעמט דאָס טרײַבל פֿאַבערן? איך גיב איבער דאָס טרײַבל.

פֿ אַ ב ע ר.

וואָס? פֿון רײַקאָם? איר זיצט דאָרט באַ זיך און מאַכט שוין אויספֿירן. מע דאַרף פֿריִער קומען אַף דער פֿאַבריק, דערנאָך מאַכן אויספֿירן. מאָרגן? איך וועל קומען.

ג נ ע ס י ע מיט א טומל.

גייט אַלע אין אָרצע, כוליגאַנעס. מען קען איבער אײַך, כײשעכדיקע יאַטן, אַ גאַס ניט דורכגיין... ווו איז דער פֿאַבקאָם, די קעמערל.

עס וואַרפֿן זיך אַרײַן באַ 10—12 אַרבעטער און אַרבעטערנס מיט ביכלעך און העפֿטן אין די הענט. דערזעענדיק גנעסיען, איז מען איר מעקאַבל פּאָנים.

אוי-אוי-אוי, אוי-אוי-אוי
מיט אַ געוועזענעם בורזשוי
גריאַנעם מי פעסענקו
וו טשעסט נאַשי פעסענקי
שטשירי וויטאַיעם.
מאַזלטאָוו! מאַזלטאָוו!

ג נ ע ס י ע מיט א טאָן פֿון א הולטײַקע.

כײשעכדיקע ליקפּונקטניקעס, אייגענע יאַטן זאָלן מיר די בלוט טרינקען... איך האָב ניט קיין באַרוטע מינוט. אַף דער פֿאַבריק האָט מען מיך צויאַדעט, אַ גאַס לאָזט מען מיך ניט דורכגיין, און איצט, אַז איך בין געקומען בעטן כאַווײרים אַף כאַסענע, טרינקט מען מיר די בלוט ווײַנט. אַזעלכע כאַווײרים זײַט איר. איר זאָלט, כאַוועד פֿאַבער, קומען ניט אַנדערש מיט דווײרקען צו מיר אַף כאַסענע, עס גייט דורך דווײרקע פֿון איין טיר אין דער צווייטער ניט אַנדערש, דווײרקע. וואַרפֿט זיך צו איר קושן, כליפּעט קאָמיש... זיי דערגייען מיר די יאָרן.

רעוועט אויפֿגעייענדיק. דווירע, גנעסיע אָפּ. אופּטריט זאָיע.

אַ ר ב ע ט ע ר.

לערערקע, ווי דאַרף מען זאָגן: פערנאַנענטע אָדער פערנאַמענטע.

ז אָ י ע ווייסט אליין ניט.

ווי דאַרף מען זאָגן?... פערמאַנענטע.

אַ ר ב ע ט ע ר ן.

אוּן וואָס איז דער טײַטש?

ז אָ י ע שטרענגט זיך אָן.

אַ דויערנדיקער פּראָצעס, אַ שטענדיקער און אַן אומפֿהערנדיקער.

אַ ר ב ע ט ע ר.

— אַ מעַיסע אָן אַ סאָף?
— אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק?
— ציט זיך ווי פֿון פּעך?
— ניט אַהער און ניט אַהין.
— און ווער איז אין דעם שולדיק?

ז אָ י ע.

אין וואָס?

אַ ר ב ע ט ע ר ן.

וואָס די רעוואָלוציע איז אַ פּערמאַנענטע.

ז אָ י ע.

די בורזשואַזיע, דער קאַפּיטאַליזם.

ר ב ע ט ע ר.

און בײַ אונדז אין לאַנד איז פֿאַראַן אַ בורזשואַזיע.

ז אָ י ע בײז.

פֿאַראַנען...

אָ ר ע ש.

כאַווערטע לערערקע, און אונדזער ליקפּונקט איז אַ פּערמאַ-
נענטער צי ניט.

זאָיע לאַכט.

כאַווערטע לערערקע, און וואָס איז קאָפּיטאַנט?

ז אָ י ע.

ניטאָ אַזאַ וואָרט. פֿאַראַנען אָפּיציאַנט.

אַ ר ב ע ט ע ר ן.

ניין, פֿאַראַנען קאָפּיציאַנט, בײַ מע רעכנט אויס די ראַזוריאַדן

ז אָ י ע.

קאָעפֿיציענט.

אַ ר ב ע ט ע ר ן.

און וואָס איז קאָעפֿיציענט?

ז אָ י ע.

דאָס איז אַלגעברע.

אַ ר ב ע ט ע ר.

און וואָס איז אַלגעברע?

ז אָ י ע.

אַ טייל פֿון מאַטעמאַטיק.

אַ ר ע ש.

און וואָס איז אַ טייל פֿון... מאַטעמאַטיק?

ז אָ י ע.

די לערע פֿון צאָלן, פֿון כעשבן... זעצט זיך אַרום די טישן, כאַ-
ווערים, איר וועט שרײַבן אַ דיקטאָווקע.

אַ ר ב ע ט ע ר.

— דיקטעווען, דיקטעווען, דיקטעווען.

ז אָ י ע. בלעטערט דורך א ביכל, לייענט.

„און זײַן זאָל מײַן ליבסטע... מײַן ליבסטע... מײַן ליבסטע... אַ
בלאַסע, פֿאַרקלערטע... פֿאַרקלערטע מיט אויגן פֿאַרכאָלעמטע... פֿאַר-
כאָלעמטע... מיט אויגן פֿאַרכאָלעמטע... און זײַן זאָל מײַן ליבסטע
אַ בלאַסע, פֿאַרקלערטע מיט אויגן פֿאַרכאָלעמטע... און זײַן זאָל מײַן
ליבסטע. וועמען מיינט דער שרײַבער מײַן ליבסטע?

דער, וואָס ענטפֿערט, הויבט אויף דעם קאָפּ פֿון העפֿט, טראַכט
א ווײַלע, ענטפֿערט און נעמט זיך ווידער שרײַבן.

אַ ר ב ע ט ע ר.

— זײַן יאַטיכע.
— זײַן קאַלנע.
— זײַן מיידל.
— זײַן אַכושאָרקע.
— זײַן אַלימענט.

ז אָ י ע.

אַ בלאַסע... ווי קען מען אַנדערש זאָגן?

אַ ר ב ע ט ע ר.

— אַ בלייכע.

— צעקראָכענע.

— וועלכע מע דאַרף שיקן אין אָפּרו-הויז.

— אַף קוראָרט...

— אין סאַנאַטאָרי...

— סימע איז.

ז אָ י ע.

...אַ בלאַסע, פֿאַרקלערטע, ווי טײַטשט מען אויס פֿאַרקלערטע?

אַ ר ב ע ט ע ר.

— אַ קוואַטש.

— ניט קײַן בעריע.

— אַ מאַלעקראָווגע.

— ניט קײַן קוואַליפֿיצירטע.

— פֿון ערשטן ראַזריאַד.

ז אָ י ע.

...מיט אויגן פֿאַרכאָלעמטע?

אַ ר ב ע ט ע ר.

— מאַכט אויגעלעך.

— ניט קײַן אויסגעשלאָפֿענע.

— וויל כאַסענע האָבן.

— דאַרף אַ מאַן.

אָ ר ע ש.

וואָס טויג פֿאַר אונדזערע ברידער אַ בלאַסע, צעקראָכענע מיידל, כאַווערטע לערערקע. מיט אַזאַ יאַטיכע, כאַווערטע, מאַכט מען גאָרנישט.

ז אָ י ע.

אַזוי שרײַבט דער דיכטער. ער וויל, אַז זײַן קאַלע זאָל זײַן אַ שיינע, אַ צאַרטע, אַ שטילע, אַ באַשיידענע.

כ אָ נ צ ע.

פֿאָרט מיט אַזאַ מיידל קײַן ביראָבידזשאַן, אָדער גיב איר פֿיר שטולן, אָדער זאָל זי אָנפֿירן מיט אַ פּיאָנער-אָטריאַד, איצט איז אַזאַ ניט צוגעפּאַסט. מיר דאַרפֿן האָבן אַ מיידל אַ קאָזאַק, אָט אַזאַ!

אַ קלונג. דער אוילעם צעלאַכט זיך. אוטסטריט פֿאַבער.

אַ ר ב ע ט ע ר.

— דיקטירט אונדז בעסער פֿון לעניגען.

— כאַווער פֿאַבער, מיר דאַרפֿן אַף אונדזערע לעקציעס האָבן אַן אייגענעם יאַט.

— אונדזערן אַ יאַט. מע צעגייט זיך.

ז אָ י ע מיט קראַמפּ.

פֿאַרפֿלוכטע באַלעבאַטים מײַנע... אַט איר וועט אָנפֿירן מיט דער וועלט... פֿאַרפֿלוכטע דערוועגנדיק פֿאַבערן, שטילט אײַן עפּעס האָב איך מוירע פֿאַר מײַנע שילער... עפּעס שרעק איך זיך פֿאַר די אַנאַלפֿאַבעטן.

פֿ אַ ב ע ר.

אַלעמען איז אונדז שווער צו אַרבעטן. אָט נעמט מיך. אין פּאַר-טיי-שול—איז עס ניט געגאַנגען. אַריבער אַף פּאַרטיי-אַרבעט—ווײַטער ניט געראָטן. אַריבער אַף פּראָפֿאַרבעט—איז ווײַטער מיט די פּוטער אַראָפּ.

ז אָ י ע.

מיט די פּוטער אַראָפּ?

פֿ אַ ב ע ר.

יאָ. מיט די פּוטער אַראָפּ. אָט האָט מען מיך אַראָפּגענומען פֿון פֿאָרזיצער.

ז אָ י ע.

און באַשטימט אײַער פֿרוי... איך זע אַן ערשטן מאָל אַ פּאַרטעיִשער זאָל זיך אַזוי קלאָגן... פֿאַר אַן אומפּאַרטעיִשן... פֿאַר מיר איז דאָס, כאַ-ווער פֿאַבער, אומדערוואַרטעט... נאָך דעם, ווי איר האָט מיך אַרויסגע-שמיסן פֿון פֿאַבריק פֿאַר מײַן אָפּשטאַמונג, פֿאַר מײַן מאַניקיור.

פֿ אַ ב ע ר.

מאַניקיור?

ז אָ י ע.

איר זעט, ווי דאָס האָט געווירקט. אויס מאַניקיור... שוין פֿאַראַנען אַ ביסעלע בלאָטע אין די נעגל. איצט וועל איך זאָגן דרייזינען. אַז קאָמוניסטן זײַנען אויך דאָ ניט אופֿריכטיקע.

פֿ אַ ב ע ר.

פֿאַראַנען ניטאופֿריכטיקע קאָמוניסטן.

ז אָ י ע.

און איר געהערט אויך צו דעם מין?

פֿ אַ ב ע ר.

מעגלעך, זייער מעגלעך.

ז אָ י ע.

איר האָט מיר פֿאַרטרויט נאָך פֿריִער עפּעס, איידער איַער קע-מערל, איר האָט, כאַווער פֿאַבער, פֿאַרטרויט אַ טאָכטער פֿון אַ בורזשוי.

פֿ אַ ב ע ר.

איך האָב געביטן די מיינונג וועגן אײַך, כאַווערטע דרייזינאַ.

ז אָ י ע.

מײַן סאָציִאַלע אָפּשטאַמונג, כאַווער פֿאַבער?

פֿ אַ ב ע ר.

דער קאָמוניזם קאָכט אַמאָל איבער אויך פֿרעמדע עלעמענטן.

ז אָ י ע.

און פּראָלעטאַרישע אָפּשטאַמונג?

פֿ אַ ב ע ר.

אַ פּראָלעטאַריער איז עפּעס אַנדערש. אַ פּראָלעטאַריער האָט גע-יאַרשנט באַ זײַנע עלטערן קאַמף פֿעיִקײַט, ער האָט געיאַרשנט דעם אָטעם פֿון דער מאַשין, און איך האָב וואָס געיאַרשנט? מײַן טאַטנס שוסטער-וואַרשטאַט אין שול-געסל, די האַכנאָע צו אײַך, ראַבינאָקס, די פֿאַרפֿלוכטע האַכנאָע צו אײַך. מיך פֿאַרפֿאָלגט די פֿאַרפֿלוכטע האַכנאָע צו אײַך.

ז אָ י ע מאַכט זיך ניט הערנדיק.

און דער פּויער?

פֿ אַ ב ע ר.

די רויִקײַט און די ראַכוועסדיקײַט און דער געדולד פֿון-די פֿעלדער... אַגעוו, דער פּויער איז ניט באַרופֿן צו זײַן דער אָנפֿירער.

ז אָ י ע.

דער אָרעמער פּויער?

פֿ אַ ב ע ר.

דער רויִנירטער פּויער האָט באַקומען ביִערושע דעם פֿלאַקער פֿון הונדערטער אויפֿשטאַנדן. די שרעקלעכע סינע צום פּאָריץ. ער האָט

אויסגעטײַלט ראַזינען, פּוהאַטשאָון, און וואָס האָט געגעבן דאָס יידישע שטעטל?

עס גייט אַרײַן דרייזין, זאָיע וואַרפֿט זיך צו אים לײַדנשאַפֿטלעך.

ז אָ י ע.

ניט אַזוי ווי דו. דער כאַווער פֿאַבער האָט געביטן וועגן אונדז, די ראַבינאָקס, זײַן מיינונג. כאַווער פֿאַבער אַנטוויקלט פֿאַר מיר אינטערע-סאַנטע געדאַנקען. כאַווער פֿאַבער האַלט ניט פֿון פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג.

פֿ אַ ב ע ר.

דער קאַבצן, האָב איך געזאָגט, פֿילט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג דעם דרוק פֿון די ראַבינאָקס און זייערע קרוויִם... צו דרייזינען די פּראַקציע דאַרף שוין פֿאָרקומען?

ד ר ײ ז י ן.

אַף 9 אַזייגער.

פֿ אַ ב ע ר.

אָט דאָס האָב איך געזאָגט, מאַדאַם.

פֿאַרלאָזט ראַשיק די סצענע.

2־טע בילד.

אַ באַלויכטן ווינקל פֿון אַן אַרבעטער-דירע.

ש ײ נ ע צ ו ר ע.

איך בין נאָך ניט אַזוי אַלט, איך זאָל פֿינצטערן מײַן לעבן. די קינדער—אין די יאַסלעס און אין דער קאָמכאָזער דירע קאָן מען אַוועק-שטעלן אַ פּאַראַוואַן און אַ בעט.

כ אַ נ צ ע באַם שפּיגל.

נײַער שטייגער זינגט.

ש ײ נ ע צ ו ר ע.

אָן אַ מאַנסביל איז אומעטיק... הי-הי-הי...

וואָס איז אַ מאַנסביל איינער אַליין. ראַבינאָק איז אויך ניט אַליין

כ אַ נ צ ע.

הערסט?

גנענדל.

אָך, דו נאר, דו פּראָלעטאַר, פֿינצטערער שוימער.

שײנע צורע.

אַ שוימער איז קײַן מענטש ניט? ער איז ייִנגער פֿאַר ראַבינאָקן.

כאָנצע.

איך האָב ראַבינאָקן אין דרערד. איך בין אין טעקסטטיל-פֿאַריין פֿון 26-טן יאָר און ער וואָס?

גנענדל.

פֿאַרמאַך דעם פּיסק, פֿאַרמאַך די ליאפּע, אָדער דו האָסט פֿאַרגעסן, אַז מיט איין בלאָז פֿליסטו אין כאנדריקעווע.

כאָנצע.

אָט דאָס איז אַ ייִדענע. אַ טוקערקע—איינס, אַ סאַרווערקע—צוויי, אַ קעכערקע—דרײַ. האָסט נאָך אַ פּערטע פאַרנאָסע אויך, גנענדל?

גנענדל.

פֿאַרמאַך די ליאַפּע, כווישעכדיקער פּראָלעטאַר.

עס קומען אַרויף 4—5 קלעזמער מיט זייערע אינסטרומענטן. נאָך זיי אָרעש.

כאָנצע.

אָט דאָס האָב איך געמיינט. מיטן קנאַק. מיטן עמעסן דאָברי דזשען. און די הײַנטיקע זאַכן שפּילסטו?

מײַרעם נעמט אַראָפּ פֿון קאָפּ אַ הארטע הוט און ווישט אויס דעם שטערן.

וועלכע הײַנטיקע ווילסטו: די בודיאָנקע, „אַטוועקום", אָדער דעם „אינטער".

כאָנצע.

איך מיין דעם אינטער, דעם נאַ-צי-אָנאַל.

ביביק רוקט אַריין זײַן קאָפּ אין דעם אָפֿענעם פֿענצטער פֿון קעלער-שטוב.

אינ-טער-נאַ-צי-אָ-נאַל, אי-טער-נאַ-צי-אָ-נאַל דאַרף מען זאָגן.

קומט אַרײַן.

גנענדל.

נו, רעב ביביק... גייט, גייט, גייט. מיר וועלן אײַך אונטערפֿירן די קאַלע... מע דאַרף ניט זײַן קײַן נאַשער... גייט, גייט.

זי שטויסט אים אַרויס. אַלע לאַכן.

גנענדל צוריק מיט גנעסיען, וועלכע איז אין פֿולן גלאַנץ פֿון אַ פֿאַרצײַטיקער קאַלע.

און אָט איז די קאַלע אַליין—ווי די זיבן זונען און אָט איז מאָרדיק.

די קלעזמער שפּילן אַ טוש. נו, באַדכן, עפּעס פֿון די צאַצקעדיקע זאַכן, עס זאָל דערנעמען.

מאָרדיק.

פֿאַרמאַך די ליאַפּע און פֿאַרשפּילע די קליאַפּע... פֿון יענע קאַפּע איז אַ געשוויר אין לאַפּע.

גנענדל.

אַ ווערעמדיקער מויל.

מאָרדיק.

אָן כופּע און קעדושין טוסטו זיך מיט ראַבינאָקן קושן. דו די גרעפֿין—ער דער לאָרד, מיט אַ ברייטער שיווער באָרד...

גנענדל.

זײַ מעכאַבעד די קאַלע מיט דײַנע אַנטיקלעך...

מאָרדיק זינגט.

הער זיך אײַן, קאַלע, וואָס איך וועל דיר זאָגן:
שווער איז די נײַע פאַראַנדקעס צו טראָגן,
שווער איז צו גיין אין סאָוועטישן וואָגן.

זאָג מיר, וואָס טראַכטן זיך אײַערע פֿירער,
אין דערפֿער אין פֿרעמדע, אין דערפֿער סיביריער,
פֿיטערן ייִדן כאַזיירים יאָרקשירער.

האָבן זיך ייִדן געהאָדעוועט ציגן—
ציגענע מילך איז דאָך אַ פֿאַרגעניגן,
קאָנט איר אין ישעוו הײַנט אָקאָראָק קריגן.

זײַנען געוואָרן כאַזיירים איצט מאָגער,
האָדעווען קען דען כאַזיירים מײַן שוואָגער?!
אַז ער איז געוועזן אַ מאַגיד אַ זאָגער!

ס'לעבן אין שטעטל איז ניט צו דערקאָנען,
אין ראָמען פֿון הערצלען און ייִצכאָק עלכאָנאָן,
דראָט אונדז דער וואָנציקער רײַטער בודיאָנע.

גנעסיע און די טוקערקע וויינען. ס'ווערט פֿינצטער. פֿון ביידע זײַטן פֿאָרהאַנג גייען אַרויס גערשם און פֿינטאָן.

גערשם מיט אַ פּאַפּירל אין האַנט.

מע רופֿט אַרויס... אָנגעטאָן דאָרט מיט דײַן שרײַבעכץ.

6. מאַשינעס-געראַנגל.

פ ִ נ מ אַ ן.

דיִר טרייסלט איִן קאָדאָכעס.

ג ע ר ש ט.

איִך האָב כאַראָטע.

פ ִ נ מ אַ ן.

שפעט. דו ביִסט מיַין שוטעף.

לאַכט.

ג ע ר ש ט.

איִך לייג אַלץ אַרויס אַפֿן טעלער.

פ ִ נ מ אַ ן.

מאַזוריִק, דיִר גלוסט זיך איִן נאַריִם?

ג ע ר ש ט.

פֿאַרוואָס?

פ ִ נ מ אַ ן.

פֿאַר אַ לאַנגער צונג.

ג ע ר ש ט. איִם טרייסלט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

איִז וואָס טוט מען?

פ ִ נ מ אַ ן.

ליאַהושקע... וואָס, ווער, וועמען, ווען... וואָס שרײַבעכץ, ווען שרײַ-בעכץ... ווער האָט געשריִבן... אַ נעכטיִקער טאָג. וויִלסט זיך איִבערכאַפּן מיִט מיר?

ג ע ר ש ט.

דיִ גרענעץ? ביִסט מעשוגע?

פ ִ נ מ אַ ן.

איִך האָב ניִט קײַן צײַט מיִט דיר זיך דאָ אָנצוטײַנען... וויִלסט גיין—גיי, וויִלסט ניִט—ניִט. לייג אַרויס 20 צענערלעך און ברעך דעם אָקן.

ג ע ר ש ט.

גאַזולען!

פ ִ נ מ אַ ן.

רייד זיך ניִט אָן. יעדע מיִנוט איִז טײַער. אַז מע וועט פּאַקן, וועסטו ליִגן איִן דרערד מיִט מיִר איִנײינעם. איִן קעלער איִז פֿאַראַן פֿאַר ביידן אָרט.

ג ע ר ש ט.

אַי-אַי-אַי-אַי...

רוקט אַרײַן פֿיִנמאַנען איִן האַנט צוויי טרײַבלעך..

אופֿטרים זאָיע.

פ ִ נ מ אַ ן.

נאָך שענער ווי מיִט דרײַ יאָר צוריִק. איִך וויִל שטאַרבן, זאָיע...

ז אָ י ע.

דו כאַזוערסט אַ פֿאַרגעסענע ראָל... דו ביִסט אויסערגעוויינלעך נאַריִש...

פ ִ נ מ אַ ן. בײַט דעם טאָן.

זאָיע, איִך הער פֿון דיִר אויס אַזויפֿיִל באַליידיִקונגען... דו האָסט אַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן מיִר... וועגן דײַן אַמאָליִקן מיִשען.

ז אָ י ע.

וואָס וויִלסטו, פֿיִנמאַן?

פ ִ נ מ אַ ן טראַכט אַוועלע.

באַ דיִר איִז נאָך פֿאַרבליִבן עפּעס פֿון דיִ ראַביִנאָקס... דו וואָלסט קאָנען ליִקוויִדיִרן, דיִ גאַנצע קאָמעדיע ליִקוויִדיִרן.

אָ י ע.

וואָס לייגסטו פֿאָר.

פ ִ נ מ אַ ן.

איִך לייג דיִר פֿאָר איִן אַ פֿיִנצטערער נאַכט... פֿאָר... פֿאָרן מיִט מיִר... ליִקוויִדיִרן.

ז אָ י ע. מיִט אָנגעשטרענגטן בײַגיר.

מיִכאַיִל, מאַך זיך ניִט נאַריִש... דו האָסט באַשלאָסן?.. ווען?

פ ִ נ מ אַ ן.

טײַערע...

פֿאַרצאַמט איִר דעם וועג.

ז אָ י ע.

מיִכאַיִל!

פ ִ נ מ אַ ן.

לאָמיִר... דו האָסט מוירע!

ז אָ י ע.

מײַן מאַן וואַרט אַף מיִר.

פֿינמאַן.

ווער איז דער מאַן דײַנער?

זאָיע.

איך האָב אים ליב.

פֿינמאַן.

לײַגסט!

זאָיע.

כאָם!

פֿינמאַן.

פֿאַר-שפּילט.

אין איין טיר באַווײַזט זיך דרייזין, אין דער צווייטער—ראַבינאָק.

פֿינמאַן.

ניין, ניין, ניין, ניין פֿאַרשטעלט זאיען דעם וועג הײַנט וועל איך שטאַרבן, און הײַנט מוזטו פֿאַרבלײַבן מיט מיר...

זאָיע.

מיכאַיל, דו גייסט פֿון מויעך אַראָס, מישאָ! א געראנגל.

דרייזין.

גיב זיך אונטער, זאָיע, קאָנסט זיך אונטערגעבן... הײַנט זאָלסטו זיך מיט דײַנע פּעקלעך אַרויסוואַרפֿן. הײַנט זאָל אין מײַן צימער פֿון די ראַבינאָקס קײַן געדעכעניש ניט בלײַבן.

פֿינמאַן לאכט.אָפּ אף א ווײלע.

זאָיע.

פֿימע, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שפּראַך.

דרייזין.

איך רייד מיט דיר אָף פֿראַנצויזיש? איך רייד מיט דיר אַף יידיש.

זאָיע פֿילט א געפֿאַר, ווארפֿט זיך צו אים.

פּײַניק ניט.

דרייזין רויק און אנטשלאָסן, שווײַגט א רעגע.

וואָס מיינסטו, איך האָב שוין ניט קײַן מוט אויספּלאָנטערן...

זאָיע.

וואָס האָב איך דיר געטאָן? זאָג, וואָס האָב איך דיר געטאָן.

דרייזין א רעגע שווײַגט, פֿעסט.

גאָרנישט.

זאָיע.

איז וואָס ווילסטו? איך האָב דיר עפּשער אונטערגעפֿירט.

דרייזין ווירט זיך צו מיט די בייגן פֿינגער צו אירע האָר.

ניין, ניט אונטערגעפֿירט.

זאָיע.

וואָס האָב איך פֿון דיר באַקומען—איך פֿון דיר.

דרייזין.

וואָס ווילסטו פֿון מיר, קאָמפּלימענטן?

זאָיע.

קאָמפּלימענטן... איז וואָס האָב איך פֿון דיר באַקומען.

דרייזין אופגעמונטערט.

דער יוירעש בין איך. די ראַבינאָקס טאָרן גאָרנישט באַקומען פֿון די דרייזינס... האָט ראַבינאָק געצערטלט און געכאָוועט די מיזינקע זײַנע, איז געקומען דער שנײַדער-יונג פֿון אונטערשטן שטאָק.

זאָיע.

דו ביסט זייער פֿרעך און גראָב.

דרייזין.

איך בין אַ שנײַדער... איז הער זיך אײַן... דיר וועט אויסקומען זיך אומקערן צום טאַטן.

אופטריט פֿינמאַן.

זאָיע שטוינט.

נאָך הײַנט?!

דרייזין.

עס וואָלט געווען גוט, אַז הײַנט... הײַנט, הײַנט.

ראַבינאָק באַווײַזט זיך, דרייזין שטעלט זיך אין טיר, קעדיי פֿאַר שטעלן דעם ארויסגאנג. פֿינמאַן ווערט אָנגעשטרענגט. באַטראַכט די געשאַפֿענע לאגע.

ראַבינאָק.

גוט אויסגעפֿירט, מײַן טאָכטער...

זאָיע פֿאַרלאָזט די סצענע.

ראַבינאָק באַגלייט איר מיט די ווערטער.

אויסגעפֿירט?

גייט צו צו דער טיר, דרייזין לאָזט אים דורך. נאָך ראַבינאָקן גייט פֿינמאַן.

דרייזין.
און דו וואַרט אונטער אַ רעגעלע.

פֿינמאַן.
אַזוי אַפֿילע?

דרייזין פֿון הויזנקעשענע נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער.
יאָ.

פֿינמאַן אויך מיט אַ רעוואָלווער.
יאָ?

דרייזין, אומדערוואַרטעט, גיט עטלעכע טריט אַף צוריק. פֿינמאַן אין אַנגריף. אַ קלאַפּ איבער דער האַנט. בײַ דרייזינען פֿאַלט אַרויס פֿון האַנט דער רעוואָלווער. ביידע אין שטומע אָנגעשטרענגטן קאַמף.

אָרעש גייט אַרײַן.
אָ-האָ-האָ-האָ... ווערט ניכטער מיט שפּײַערס אַפֿילע... כאַפּט אַרום פֿינמאַנען ניין, ברודערקע, אַז דער קאָטער כאַפּט שוין דעם פּאַצוק, וועט דער קאָטער ניט אַרויסלאָזן דעם פּאַצוק...

פֿינמאַן אין אָרעשעס פֿעסטע הענט.
איך גיב זיך אונטער...

אָרעש.
איז רייד ווי אַ מענטש, פּאַצוק.
די גרויסע פֿאַרלאָזט די סצענע. די סצענע איז פּוסט. עס דערטראָגן זיך ווײַטע אויסגעשרייען פֿון אַ קלעזמעריש פֿריילעכס. דער טומל און די מוזיק דערנענטערן זיך און ווערן דײַטלעכער. עס קומט אַרײַן ראַבינאָק מיטן ראָוו.

פֿישקין.
אָט אַזוי פֿאַרשטאַרקן מיר די עמונע. איך קאָן ניט סיוול זײַן די אַמעראַצעס און גײַווע פֿון זייערע פֿירער... סאָציאַליזם און קאָמוניזם.

ראַבינאָק נידערגעשלאָגן.
האָב איך הײַנט, רעבע, אַן אַגמאַס נעפֿעש... זיי זײַנען שטאַרק... „כעוו״ע האַכנאָסעס קאַלע״ וואָרט, רעבע, אַף אײַער שיינער דראָשע. איר דאַרפֿט, רעבע, אָנהויבן פֿון לעניִנען... עס שטעכט מיר אָט אָ דאָ... פֿון לעניִנס אַ פּאָסעק הויבט אָן.

פֿישקין.
ניין, ניין, ניין! דאָס איז אַ גרײַז. דאָס איז צוויִעס, דאָס איז קאַבצאָנישע מאַגידעס.

ראַבינאָק.
ריכטיק, רעבע. נאָר פֿאַר דעם האַמוין, רעבע, דאַרף מען אָנהויבן—מוז מען אָנהויבן פֿון לעניִנען. איך האָב אַגמאַסנעפֿעש...

פֿישקין.
פֿאַרקערט, איך וועל דערווײַזן, אַז אַלע שיטעס פֿון סאָציאַליזמוס און פֿון קאָמוניזמוס און פֿון מענשעוויזמוס...

ראַבינאָק.
מענשעוויזם דערמאָנט ניט.

ראָוו.
גערעכט. איך מיין באָלשעוויזמוס.

ראַבינאָק.
אָ! פֿון באָלשעוויזמוס קאָנט איר דרייסט אָנהויבן.

ראָוו.
הע-הע-הע-הע... אַלע סאָציאַליזמוסן זײַנען גענומען געוואָרן אַלץ טאַקע פֿון דער טוירע... און אויך לעניִן אַפֿילע. דאָס, וואָס איר טוט איצט, שטייט העכער פֿאַר צדאָקע, פֿאַר אַ פּאָשעטער נעדאָווע. דאָס איז אַזאַ אַקציע, וואָס ווען איר האָט מען געמאָגט וויסן.

ראַבינאָק.
יאָ, מע וועט וויסן. מע גוועט אַוואַדע וויסן... עס קומען אַרײַן די קלעזמער. דער בעדכן, כאָסן-קאַלע, געסט. נו, ייִדן, אַרײַן און צעזעצט זיך אַרום די טישן און פֿילט זיך ווי אין אַ ייִדיש הויז...
עס גייט אַרײַן אַ רײַכע מומע.

מאָרדיק.
מאַכט אַ וואַרע, די מומע סאָרע—דעם כאָסנס אַ מומע—די פֿאָרע אַדומע... געוועזן אַ גווירנטע אַמאָל. אַמאָל איז זי, לײדער. געווען מיט אַ גיידער און איצט איז זי שמאָל. און איצט איז זי פֿון דער ערשטער מאַרקע אַ פּראָלעטאַרקע און קלײַבט זיך אין דרערד אַף קאַרקע.
מוזיק שפּילט. עס גייט אַרײַן כאָנצע מיט דער שיינער צורע.

מאָרדיק.
די ערשטע פֿראַגע איז די סאָציאַלע לאַגע: שוסטער-הוסטער פֿון צענטן דאָר, אָט דאָס איז אַ פּאָר... פֿריילעכע בלוטן בײַ אונדזער מעכוטן כאָנצע טאַנצט דאָס פּאָרל צעקושט זיך און מוזיקע טושט זיך.
עס גייט אַרײַן באַדורין מיט זײַן ווייב.

ש אָ ר ד יִ ק.

יאָמויד דער אַלטער דער בוכהאַלטער, אַ מיטגליד פֿון מאָפּר, נאָך ניט געזעסן אין דאָפּר, נאָך פֿריער אָדער שפּעטער זיצן וועט ער

מוזיק, עס קומט אַרײַן אַ גאַסט.

מ אָ ר ד יִ ק.

אַ יאָט און אַ כוואַט, שוין געווען אַ קאַנדידאַט, איז אים אַלץ געווען ווייניק, האָט מען אים געגעבן אַ רייניק און צו אונדז אומפּאַרטייִשע פּאַרייניקט... מיר ווינטשן אים זייער, ער זאָל ווערן דער עמעסער פּאַרטייער מיט עמעסן בילעט. מוזיקע — אַ גלעט!

מוזיק שפּילט „אַ קאָרבן געפֿאַלן" עס קומט אַרײַן אָרעש.

אָ ר ע ש.

פּאַצוקעס, וועמען באַגראָבט איר דאָ, די בורזשויסקע וועלט?

ר אַ ב יִ נ אָ ק.

אָרעש־אָרעש, מיעס. דו קענסט ניט טרינקען. דו האָסט פֿאַרגעסן צו טרינקען.

אָ ר ע ש.

ניט טרינקען, נאָר דערטרינקען.

א קלאַפּ איבערן טיש. א שלעפּ די טישטעך. עס פֿליען פֿון טיש געשיר. עס רינגלען אים ארום ארבעטער, עס גייט צו צו אים דער ראָוו.

ר אָ וו.

אָרעש, דו ביסט אַ ייִד? דו ביסט אַ ייִד, אָרעש!

אָ ר ע ש.

איך בין אַ ייִד. איר זעט?

האָט אים אָנגעכאַפּט מיט זיינע געזונטע פֿויסטן פֿאַר דער פּלייצע.

ר אָ וו מיט קראַפֿט און זעלבסטווירדע שטויסט אים אָפּ פֿון זיך.

דו שערעץ מעשורעץ, דו גראָבער יונג און שיקער! אָט אַזוי באַגייסטו זיך מיט אַ טאַלמיד־כאָכעם...

אָרעש און דער ראָוו ראנגלען זיך ווי צירק־אטלעטן.

אָ ר ע ש גוטמוטיק לאָזט אָפּ.

שטאַרק, דער רעבע איז שטאַרק.

ר אָ וו.

אָט דאָס איז די לערע פֿון סאָציאַליזמוס און קאָמוניזמוס. אָט איז אײַך דער טאַלמיד פֿון דער נײַער שיטע, וואָס דאַרף באַפֿרײַען דעם מענטשן פֿון דאַכקעס און נויט. אָט איז אײַך לעניִנס טאַלמיד.

אַ ב ל אָ מ ו נ ט ש יִ ק.

טראָגט אָפּ די ביינער, רעבע.

אָ ר ב ע ט ע ר.

— איך וויל הערן אַ ייִדיש וואָרט.
— אַ קלוג וואָרט.
— לאָזט אים ריידן!
— רעדט!
— דערלאַנגט!
— מיר ווילן הערן!
— גענוג!
— מיר הערן!
— ניטאָ וואָס צו הערן!

ר אָ וו.

לעניִנס אַ טאַלמיד... איז עפּשער דער רעבע אַ ניִשטיקער? ניין, אַרבעטער. דער רעבע איז אַוואַדע אַ גרויסער מענטש, אַ גאָען, אָבער אַ גאָען דאַרף האָבן געציילטע טאַלמידים, יעכידים... טאַלמידים פֿון אַ גאָען דאַרפֿן שוין אַליין אויך זײַן גרויסע לײַט און ניט אַזעלכע, וועלכע מע דאַרף האַלטן אין געדער. לעניִנס לערע טויג ניט פֿאַרן האַמוין. לעניִנס לערע טויג פֿאַר יעכידים און פֿאַרן האַמוין איז דאָ אַן אַלטע לערע—דאָס איז די רעליגיע. פֿאַר ייִדן—די ייִדישע רעליגיע. לערנט, ייִדן, די טוירע, דאַוונט, ווערט פֿרימער, זײַט ערלעכע ייִדן און ביזכוס זע...

אַ ב ל אַ מ ו נ ט ש יִ ק.

וועלן מיר אלע בורזשויען... אַרויסטרײַבן פֿון זייערע הײַזער. אָפּנעמען בײַ זיי די רײַכטימער.

ר אַ ב יִ נ אָ ק פּאַסט מוט.

קלעזמער, וואָס שווײַגט איר... אַרבעטער... ייִדן... כקירעט זיך ניט און נעמט זיך צו די טישן.

פויזע, שטיל, אבלאמונטשיק זוכט פאַר זײַן רעדע פאַסיקע ווערטער. עס דערכראָגן זיך די ערשטע ווײַטע קלאַנגען פֿון אַן אָרקעסטער. פאַבריק־סיגנאַלן...

אָ ב ל א מ ו נ ט ש יִ ק.

איר הערט? אַרבעטער, איר הערט? איר הערט די קײַלעס פֿון נײַע קאָרפּוסן... אונדזער יאָנטעוו איז דאָרט... מיר אַלע אַהינצו גייען, אָדער דאָ בלײַבן מיר...

קוקט ארום דעם אוילעם.

באַדורין. א מונטערער. אויפגעלייגטער ווי אל עמאָל.

סאַלדאָ, רעבע, גערעכט איז ער... דער אַרבקאָר אונדזוערער... דער באַלאַנס ווערט אונטערגעפירט ניט דאָ, נאָר דאָרט אַף די פאָסטראָיקעס צו זײַן ווײַב. קריך פון טיש.

אבלאמונטשיק, באַדורין, זײַן ווײַב בילדן די ערשטע רײ.

שיינע צורע.

קומט, כאַנצע, וועדליק ווי אײַך איז אומעטיק, און מיר אין דער קאָמכאָוקער איז אומעטיק אַליין...

כאַנצע.

לויסן נײַעם שטייגער? גייט עס!

ביידע אין דער רײ.

אָרעש.

לעבעדיקער קריכט פון די טישן... אָדער איך צערײַב אײַך אַף אַש, קאַלנע, פאַרנעם דײַן נאַציאָנאַליזירטן און צו מיר... גוט, ביביק, צו זײַן אַ פראָלעטאַריער.

ביביק.

אַ מײַכל.

טוליעט זיך צו גנעסיען.

מאָרדיק צו די קלעזמער.

מיט אײַך איז ניט אַהער און ניט אַהין.

מײַרעם צו די קלעזמער.

פיפערנאָטערס, איך טראָג אַ האָרץ אַף ראַביס, נאָר הײַנט טאָרן מיר ניט פאַרגאַדיען... פלעמט, זאָל זיי כאַפן דער קאָרטש... אַף די אויבערשטע טענער, צו מאָרדיקן און דו, העכט, וואָס שטייסטו.

די קלעזמער שטעלן זיך באַם אַרײַנגאַנג, שפּילן אין דרײַ טאַקטן „אָט ועקו מי ספאַלי" לאָזן דורך אַלע ארבעטער און גייען אוועק די לעצטע צוזאמען מיט די געסט, שפּילנדיק. דער ארבעטער-אָר-קעסטער ווערט דרײַלעכער און מעכטיקער... דער ראַיי. ראַבינאָק, אַ פּאָר רײַכע געסט נידערגעשלאָגן מיט אָראָפּגעלאָזענע קעפּ. אַ רעגע ווערט פינצטער.

זיצונג פון פּאַרטביוראָ.

אַפן עקראַן אַ בייזע קאַריקאַטור אַף פאַבערן. און איבערגעשראָ-קענער פּאָנים פון אַ מאלפע אַף פּלייצעס פון עלטערע ארבעטער. דרייזין, פאַבער, בלאָט. אנצל און נאָך עטלעכע ארבעטער און אַר-בעטערנס.

פאַבער.

די קאַריקאַטור וועט קיינעם ניט מאַכן לאַכעדיק און וועט קיינעם ניט אויפרעגן. דער קאָמיוגישער פויק, בלאַט, קאָן ניט פאַרטויבן די אומצו-פרידנקײַט פון די באַאַוולטע אַרבעטער. גענוג אונדז צו פויקן און צו שרײַען הוראַ, די פאַבריק אונדזערע איז קראַנק, און די קרענק וואַרפט זיך אַריבער אין די נײַע „ראַציאָנאַליזירטע" צעכן. די דערעפענונג און דער טראַסק איז פײַערווערק און קען נאָר אַף אַ רעגע פאַרבלענדן די אויגן.

דווירע.

דײַן סטראַטעגיע האָט מען שוין געהערט.

פאַבער.

איר וועט מיר דעם מויל ניט פאַרשטאָפן.

בלאָט.

דער קאָמיוג אַליין וועט דיר דעם מויל פאַרמאַכן.

ניט א שטויס אנצלען.

אַנצל.

מע דאַרף ניט ריידן מיט די הענט.

פאַבער.

די פאַבריק איז אָנגעשטעקט מיט ראַבּיניזם, מיט דרייזיניזם. איך זאָג נאָכאַמאָל גענוג אונדז צו פויקן, די ראַציאָנאַליזאַציע איז אויפגע-בלאָזן, כאַווייריס, כאַווייריס, איר בלאָפט.

עס הויבט זיך אויף אַ טומל.

אַרבעטער.

— פאַרמאַך דעם פיסק.
— וואַרפט אים אַרויס.
— ער פירט אַרויס פון געדולד.
— כוצפע.
— לעבעדיקער מעס.
— אין מיסט-קאַסטן.

דווירע.

פאַבער, דיר וועט זײַן גענוג .. רייד. דרייזין.

דרייזין.

איך ענטפער ניט אַף פאַבערס היסטעריקע, זאָל ער גיין אין נערוון קליניק. מיר פאַטערן מיט אים צײַט אומזיסט. מיר ריידן ניט וואָס מע דאַרף. וואָס פאָדערט מען איצט פון אונדז, קאָמוניסטן?

פֿ אָ ב ע ר.

ביסט ניט קײַן קאָמוניסט!

ד ר ײ ז י ן.

מיר, קאָמוניסטן.

פֿ אָ ב ע ר.

„קאָמוניסט“.

ד ר ײ ז י ן.

...זײַנען פֿאַראַנטוואָרטלעך... זײַנען, ערשטנס, פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער דעפּוטאַציע.

פֿ אַ ב ע ר.

וועלכע דײַן שוועր האָט אָרגאַניזירט.

ד ר ײ ז י ן

און, צווייטנס. פֿאַר דעם טומל וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן אַרום די נײַע און אַלטע מאַשינעס.

פֿ אַ ב ע ר.

קאַפּיטאַליסטישע ראַציאָנאַליזאַציע.

ד ר ײ ז י ן האלט אײַן זײַן אויפֿרעגונג.

און דריטנס, ווי אַזוי איז עס פֿאָרגעקומען. אַז די פּראָפֿאַרבעט אַף אונדזער פֿאַבריק איז אַרײַנגעפֿאַלן צו אַ פּאַרשוין, ווי פֿאַבער, וועלכער האָט ניט וואָס צו טאָן בא אונדז.

פֿ אַ ב ע ר.

גראַמאָפֿאָן!

ד ר ײ ז י ן.

איז וואָס פֿאָדערט מען איצט פֿון אונדז, קאָמוניסטן... אַרײַנטראָגן אַ רויִקײַט אין דער אַרבעטער-סוויווע, רופֿן צו דיסציפּלין, באַגײַסטערן די אַרבעטער מיט דעם בויונג-פּראָצעס, אײַנרעגולירן און דורכפֿירן די נײַע קאַלקוליאַציע... צי איז אַ יאָנטעוו אַף דער פֿאַבריק? בא פֿאַבערן—ניט, בא אונדז—יאָ, אַ גרויסער יאָנטעוו. צי איז קראַנק די פֿאַבריק? ניט געפֿערלעך, נאָר ניט אינגאַנצן געזונט איז די פֿאַבריק יאָ. זי איז אָנגעשטעקט? יאָ, אָנגעשטעקט. מיט ראַבינים? אַזאַ וואָרט איז גאָר ניטאָ. איך שפּײַ זיך אויס אַף ראַבינאָקן... אין אויפֿגערעגטער איך פֿיל אין מײַנע ביינער ראַבינאָקס קעלער, ווו איך האָב יאָרן פֿאַרבראַכט... הערסטו, פֿאַבער, גיי אַוועק פֿון פֿאַבריק. גיי, גיי, וועט ווערן פֿרישער און געזונטער די אַטמאָספֿער.

פֿ אָ ב ע ר.

פֿאַרוואָס לאָזטו ניט צו פֿינמאַנען צו דער אַרבעט?

ד ר ײ ז י ן. ווארפֿט אן איגנאָרירנדיקן בליק אף פֿאַבערן.

כ׳וועל, פֿאַבער, ענטפֿערן אף דײַן פֿראַגע... אָט זײַנען מײַנע פֿאָרשלאָגן... די עלטערע שטריקערנס—מע דאַרף פֿאַר זיי געפֿינען אַן אַרבעט. פֿאַבער—אַוועק פֿון פֿאַבריק. כוליגאַנערײַ, פּלאַפּלערײַ און פּאָפּונאַישער עקיזם—אויסרײַסן מיטן וואָרצל. מיט דער הילף פֿון קאָמיוג און אונדז קאָמוניסטן אין אײַזערנע רייפֿן האַלטן די פֿאַבריק. ריידן מיטן שטאָט-סאָוועט וועגן אַרבעטער-דירעס דורך ר.ק.אי. אָדער ג.פּ.או.. איך האָב געענדיקט.

ד ו ײ ר ע.

בלאַט, דײַן מעלדונג,

ב ל אָ ט.

דער קאָמיוג גרענעצט זיך אָפּ פֿון פֿאַבערן און פֿון די פֿאַבערס. דער קאָמיוגישער באַראַבאַן טראַכט אַפֿילע ניט אויפֿהערן צו פּויקן, זאָלן זיי פֿאַרשטאָפּן די אויערן.

אַ נ צ ל.

עפּעס הער איך דאָ צופֿיל אַוועק און אַוועק. פֿאַבער—אַוועק, אַרבעטער—אַוועק... אַלע אַוועק... קען מען דאָך אַזוי זאָגן דרייזין אויך אַוועק.

ד ר ײ ז י ן.

דרייזין אויך אַוועק. אויב דאָס פֿאָדערט די פֿאַבריק.

אַ ר ב ע ט ע ר.

— יאָ, מיר הערן דאָ צופֿיל אַוועק.
— ראַבינים איז אַ וואָרט.
— באַראַבאַן און פּאָרטעפּיאַן.
— ראַבינאָװיטשעס אָפּן ליקפּונקט.
— ראַבינאָקס דעפּוטאַציע.
— ראַבינאָקס כאַסענע.

ד ו ײ ר ע.

איך נעם זיך אַ וואָרט... האָבן מיר אויסגעהערט פֿאָרשלאָגן: דרייזין זאָל אַוועק, פֿאַבער זאָל אַוועק... איך מיין, אַז אַלע פּאַרטייער ווייסן זייער גוט, אַז דאָ קומט ניט פֿאָר קײַן פּערזענלעכער קאַמף

צווישן דרייזינען און פֿאַבערן. דרייזין פֿירט דורך אַף דער פֿאַבריק די ליניע פֿון דער פּאַרטיי, און אין פֿאַבערן רעדט דער אָפּגעשטאָנענער אָרעש.

דרײזין.

פֿאַבער איז ערגער פֿאַר אָרעשן.

דװײרע.

ס'האָט געקענט זײַן פֿאַבער און ס'האָט געקענט זײַן אַן אַנדערער. כ'מיין, אַז גערעכט איז אַנצל, אַז אַוועק און אַוועק איז ניט קײַן געלונגענער אויסדרוק. די איבערקוואַליפֿיקאַציע פֿאַרלענגערן נאָך אַף אַ כוידעש. אַלע וועלן זיך מוזן צוגעוואָינען צו די נײַע מאַשינעס. מיר שטימען, ווער איז פֿאַרן כוידעש אלע כוױן בלאַטן און דרייזינען. ווער איז, אַז דרייזין זאָל אַוועק? אַלע עסן זיך אײַן מיט די אויגן אין פֿאַבערן, אַקוראַט ווי פֿון אים איז אָפּהענגיק די באַשטימונג. נאָר פֿאַבער איז אין טיפֿן ייִוש, פֿאַרויכערט. ווער איז, אַז פֿאַבער זאָל אַוועקגיין דווײרע הויבט די האַנט די ערשטע. אַ מערהײַט... בלאַט, דו האָסט נאָך אַ מעלדונג?

בלאַט.

מיר האָבן נאָך וואָס באַשטימט: באַזײַטיקן פֿאַבערן פֿון פֿאַבריק—דאָס איז וויניק. איך לייג פֿאָר שטעלן שוין די פֿראַגע וועגן איבערגעבן זײַן איניען אין ק. ק. דער קאָלעקטיוו דאַרף שוין זאָגן זײַן וואָרט.

עס הערן זיך קלאַנגען פֿון אָרקעסטער, עס הערט זיך אַן ארבעטער־כאָר.

אַרבעטער.

— אַריבערטראָגן אַף דער צווייטער זיצונג.
— ניין, צום יאַנטעװ אָפּריינִיקן די פֿאַבריק.
— איך האַלט אונטער בלאַטן.
— דרייזין האָט זיך אַרויסגעמאַכט פֿון אַן ענטפֿער וועגן דעם ספעק.
— ריכטיק, אַרויסגעמאַכט זיך.
— דרייזין דרייט מיטן ווידל.

דװײרע.

אַ וואָרט פֿאַר אַ דערקלערונג באַקומט דרייזין.

דרײזין.

איך האָב ניט געהאַט קײַן רעכט פֿאַרעפֿנטלעכן, פֿאַרוואָס איך לאָז ניט צו פֿינאַנסירן צו דער אַרבעט... ס'פֿירט זיך אַן אויספֿאָרשונג נעמט אַרויס פֿון בוזים־קעשענע צוויי נומערן צײַטונגען: אָט האָט איר אין דער ווײַסגוואַרדעישער פּרעסע צוויי פֿרישע קאָרעספּאָנדענצן פֿון אונדזער פֿאַב-

ריק אַלע אַנגעשטרענגט צו דרייזינען. איך וועל אײַך נאָר איבערלייענען אַ פּאָר זאַצן. לייענט „באַם קאַסע. אַרבעטער וואַרטן אַף געלט און שילטן די סאָציאַליסטישע בויונג. אַן עלטערער אַרבעטער שרײַט אויס—ברענען זאָל דער באָלשעוויזם. און דאָ הויבן זיך אָן שיטן קלאָלעס אַף די קאָמיסאַרן. און איינער אַן אַרבעטער כאַפּט זיך אַרויף אַף די פּלייצעס פֿון זײַנע כאַווייריִם און שרײַט אויס: „אופֿרײַסן די פֿאַבריק" און דערנאָך אַלע אין כאָר—אופֿרײַסן, אופֿרײַסן, אופֿרײַסן... ס'האָט דערעסן דער באָלשעוויזם...” ווער האָט עס געשריבן, פֿאַבער?

פֿאַבער כאַפּט זיך פֿאַרן קאָפּ.

דרײזין.

סקלאָטשניק!

בלאַט.

איך פֿאָדער שטימען מײַן פֿאָרשלאָג.

דװײרע.

ווי פֿאָרמולירסטו דײַן פֿאָרשלאָג?

בלאַט.

געווג צו פֿאָרמולירן, גענוג צו מולירן. אַלע האָבן געהערט...

דװײרע.

כאַווייריִם, דאָ איז אַרײַנגעטראָגן אַ פֿאָרשלאָג.

פֿאַבער.

כאַווייריִם!.. כאַ-ווײי-ריִם...

דװײרע.

מיר וועלן געבן אַ וואָרט פֿאַבערן.

בלאַט.

וואָס פֿאַר אַ ווערטער, וואָס פֿאַר אַ פֿאַמיליאַרישקײַט.

דװײרע אופגערעגט.

בלאַט, מ'דאַרף זיך ניט היצן. רויִק. פֿאַבער, האָסט אַ וואָרט פֿאַר אַ דערקלערונג.

פֿאַבער. פֿאַרויכערט האַילעריש, שווײַגט. ענטפֿערט ניט. גריבלט זיך אין די קעשענעס.

כאַווייריִם! מיך פֿאַרפֿאָלגט די פֿאַרפֿלוכטע האַכנאָע צו זיי... איר דאַרפֿט מיך פֿאַרשטיין... מיך פֿאַרפֿאָלגט די האַכנאָע צו זיי, צו די ראַבינאָקס.

עס ווערט שטאָק פֿינצטער.

איינצלנע אויסגעשרייען אינדערפֿינצטער. די פֿראַזן דערגייען אָפּגעריסענע, ניטאָרגאַניזירטע, ניטדורכגעטראַכטע, פֿאַרצווייפֿלטע. אַ געלאַף אַ-ז הין און צוריק, אַף די טרעפּ און פֿון די טרעפּ, ווי די לויפֿנדיקע וואַלטן זיך וועלן ראַטעווען פֿון אַן אומגעריכטן סויבע, וועלכער לויערט אין דער געדיכטער פֿינצטערניש. אַ ווײַלע שפּעטער ווערט דער טומל אײַנגעשטילט. אַרבעטער פֿאַרויכערן אייגער באַם צווייטן. פּאַסן ליכט פֿון עלעקטרישע קעשענע-לאָמפּ-לעך שנײַדן דורך די לופֿט. דאָ און דאָרטן ציבּרן זיך אָן שוועבע-לעך און ווערן פֿאַרלאָשן. כאַנצע טראָגט אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ מיט אַ פֿאַרויכערט גלעזל.

אַ ר ב ע ט ע ר.

— עפּעס אַן אומגליק האָט געטראָפֿן אין די נײַע קאָרפּוסן.

— אין די טריקאָטאַזש-צעכן.

— ווער האָט אַרונטערגעריסן דעם יאַנטעוו, פייגערט אַוועק.

— די מאַשינעס אונטערן רעגן האָבן געזשאַוועט. ווו איז געווען דער דירעקטאָר.

— זיי זײַנען נאָך פֿון אויסלאַנד אָנגעקומען פֿאַרזשאַווערטע. ווער האָט אין אויסלאַנד די מאַשינעס געקויפֿט. ווער לעבט זיך אָן אַף אונדזער בלוט און שווייס.

— זאַוואָד „ענערגיע" האָט אונטערגעפֿירט... די שקיוון פֿון זאַוואָד „ענערגיע" האָבן אונטערגעפֿירט.

— „ענערגיע" איז ניט שולדיק—שלעכטע טשוהון.

— מעלאַמדים, וואָס פלוידערט איר מאַשינעס, טשוהון. ס'האָט ניט צו די מאַשינעס.

— פֿאַרדעכטיקע נעפּאַשעס דרייען זיך דאָ אַרום.

— ווער שטייט באַם טויער... פֿאַרשטאַרקן די וואַך.

— ווײַסגוואַרדעישע קאָרעספּאָנדענצן פֿון אונדזער פֿאַבריק.

— עלעקטרישע סטאַנציע!

— סטאַנציע עלעקטרישע!

— שטאָטישע סטאַנציע, עלעקטרישע... אַפֿילע דער טעלעפֿאָן אַר-בעט ניט... שעדיקער.

— אָט קלינגט דער טעלעפֿאָן. וואָס? רעדאַקציע? אַוואַריע? ניט אַוואַריע, פֿינצטער.

— „פּראָפֿינטערן" הערט. וואָס? פֿונוואַנען? שטאָטישע עלעקטרישע סטאַנציע. וואָס דריכנעט איר? „פּראָפֿינטערן" אין דער פֿינצטער.

— מיר דאַרפֿן ניט קיין פֿרעמדע סטאַנציעס. אַן אייגענע סטאַנציע דאַרפֿן מיר האָבן.

— אָסינבוי.

— זאָל די בייזע שאָ ניט זײַן, וועט איינער פֿאַרשלאָפֿן אין אָסינ-בוי, און אין גאַנץ ווײַסרוסלאַנד וועט ווערן פֿינצטער.

— נאַרישקײַטן, דאָרט וועט זײַן די אײַזערנע דיסציפּלין... וואָל-כאָוובוי, דנעפּרבוי, מיליטערישע דיסציפּלין, פּראָלעטאַרישע.

— פֿאַרוואָס איז באַ זיי קיינמאָל ניט פֿינצטער.

— ווו, באַ זיי?

— אין אויסלאַנד, אין אַמעריקע.

— דאָרט וועט אַף אַ רעגעלע פֿינצטער ווערן.

— יאָ, ווען דער אַרבעטער-קלאַס וועט דעם טאָק באַ די קאַפּיטאַ-ליסטן אויסשליסן.

— יאָ. כאַפּט זיי דער טײַוול. דערווײַל איז פֿינצטער.

ווי עס ויאָלטן ברומען עטלעכע שטימען.

פֿינצצצצ...

דאָס ברומען ווערט פלוצלונג איבערגעהאַקט. די גאַנצע סצענע ווערט פלוצלונג באַגאָסן מיט פֿריידיקן ליכט. עס הערט איך אַ קלעז-מערשער אָרקעסטער. די טענער ווערן נעענטער און דײַטלעכער. עס הערן זיך שוין מונטערע און שווערע טריט פֿון אַרבעטער.

ב ל אַ ט.

פֿון דער כאַסענע די עלטערע אַרבעטער גייען צו אונדז. די עלטערע אַרבעטער זײַנען מיט אונדז.

דער ערשטער באַווײַזט זיך אָרעש. ער שטעלט זיך אין דער פּאָזע פֿון אַ באַטשאַלניק, ער לאָזט דורך די מאַרשירנדיקע אַרבע-טער, וועלכע גייען אין פֿוס. צווישן זיי פֿאַבער אין עק פֿון די מאַרשירנדיקע קלעזמער. אָפֿן טריבונע דרייזין.

ד ר יי ז י ן.

איך באַגריס אײַך, כאַווירים, מיט דער עפֿענונג פֿון די נײַע קאָר-פּוסן... אפּל.

איר זײַט שוין, כאַווירים, באַקאַנט מיטן פּראָדוציר-פּלאַן... 5000 נײַע אַרבעטער. אפּלאָדיסמענטן 500 מאַשינעס אפּלאָדיסמענטן, קינסטלעכע זײַד-אויסאַרבעטונג, מיליאָנען קאָמפּלעקטן קינדערשע, מענערישע און דאַמישע... אין אַ יאָר אַרום ווערט פֿאַרטיק דאָס הויז אַף 105 דירעס אפּלאָדיסמענטן. אין דער ערשטער ריי וועלן באַקומען דירעס אַרבעטער-פֿאַמיליעס, וואָס אַף דעם אָרט פֿון זייערע הײַזער בויען זיך נײַע קאָר-פּוסן אפּלאָדיסמענטן. צענטראַלע באַהייצונג אפּלאָדיסמענטן. גאַזע-קיכן אפּלאָ-דיסמענטן וועשערײַען אפּלאָדיסמענטן, קינדער-יאַסלעס אפּלאָדיסמענטן... און איצט [7] עטלעכע ווערטער וועגן זיך זעלבסט... די פּאַרטיי האָט מיר דערלויבט... שיקט מיך די פּאַרטיי זיך אַביסעלע אונטערשמידן... 7 יאָר האָב איך

[7] מאַשינעס-גערעַנגל.

געאַרבעט. אַרבעטער, וואָס די פֿאַבריק האָט געשיקט מיט 6 יאָר צוריק זיך לערנען, קומען האַיאָר איינזשענערן... דאַרף מען זיך אַביסעלע, כאַ-ווייריִם טײַערע, אונטערשמייִדן. דערלויבט מיר אָנרופֿן דעם נײַעם די-רעקטאָר... די פּאַרטיי רוקט אַרויס אַ כאַווער... איר קאָנט דעם כאַווער באַווײַזט מיט דער האַנט שטיי אויף, און זאָל די פֿאַבריק דיך זען, כאַווער דירעקטאָר דווײַרע גייט פֿון צושויער-זאַל. ·אָוואַציעס נו, דווײַרע, און איר אַלע, היט ווי די אויגן אין קאָפּ אונדזער פֿאַבריק... זײַט געזונט כאַווייריִם, זײַט געזונט, זײַט געזונט... צו דער אַרבעט, כאַווייריִם...

ד ו ײ ר ע.

דער כאַווער אָרעש באַקומט אַ וואָרט.

אָ ר ע ש

אַרבעטער, מיר זײַנען די באַלעבאַטים, צי ניט מיר זײַנען די באַ-לעבאַטים? מיר זײַנען די באַלעבאַטים! דאַרפֿן מיר האַלטן שטאַרק אין די הענט די מעלוכע, ניט אָפּלאָזן אַף אַ רעגע... ווער איז דער בורזשוי? ער איז אַ פּאַצוק, וואָס קוקט מיט זײַנע מײַזישע אויגן פֿון לאָך און גיט אַכטונג, ווי עפּעס צו פֿאַרטשאַפּען און פֿאַרשטאָפּסטו די לאָך, הריזשעט ער אויס די צווייטע לאָך... אָבער, אַז דער קאָטער כאַפּט דעם פּאַצוק, וועט דער קאָטער ניט אַרויסלאָזן דעם פּאַצוק. ווער איז דער קאָטער? דאָס זײַנען מיר און ווער איז דער פּאַצוק? די בורזשויסקע וועלט. איז האַלט זיך פֿעסט, כעווירע, מיר זײַנען געוואָרן שטיקלעך באַלעבאַטים— לאָמיר היטן די באַלעבאַטישקײַט פֿון אַ בייז אויג און פֿון לאַנגע הענט... און טאָמער איינער פֿון אונדז מאַכט היינטישע שטיק—איז גיבן מיר אים איבער די הענט פּאַוזע. נו, וואָס נאָך? מע קען זאָגן, אַז איך האָב שוין געענדיקט

אפּל.

ד ו ײ ר ע.

אַ וואָרט באַקומט די כאַווערטע סאָרע.

ס אָ ר ע זי לאָזט זיך בעטן און הויבט אָן ניט זיכער.

...מיר האָבן אַף די אַלטע מאַשינעס געשטריקט קאָפּטלעך פֿאַר דער רויטער אַרמיי, געלאָטעט, געצירעוועט און אַפֿן פֿראָנט אָפּגעשיקט, און אונדזער אַרבעט, כאַווייריִם, איז ניט אַוועק אומזיסט. ניט אומזיסט האָבן מיר געהונגערט, געקוויקט זיך מיט קיטאַיסקע טיי אַף געברענטע מערן, מיט פּאַווידלע אַף האַלע סאַכאַרין... און איצט, אַז די פֿאַבריק איז אויסגעוואַקסן און די מאַשינעס די נײַע האָבן זיך אײַנגעשטעלט און מיר האָבן זיך אַביסל אַלפֿיצירט... אַלפֿיצירט, און די שטאָט וואַקסט, און

די גאַסן זײַנען באַפּוצט, און די קינדער זײַנען אויסגעוואַקסן, שטיקלעך מענטשן, לײַטן גלײַך—איז קאָנען מיר זאָגן אַלע אין איין קאָל: דוסטריאַ-ליזאַציע, ראַליצאַניזאַציע, מיר זאָלן אַרבעטן געזונטערהייט אַף די נײַע מאַשינעס און מיר זאָלן האָבן נאַכעס פֿון אונזערע קינדער און פֿון אונדזערע אָנפֿירער און גאָט זאָל געבן... וואָס רייד איך... איך מיין, מיר זאָלן אַלע דערלעבן נאַכעס פֿון סאָציאַליזום.

ד ו ײ ר ע.

טײַערע כאַווייריִם און כאַווערטעס...

זי וויל וואָס זאָגן, זי רעדט. נאָר די אַפּלאָדיסמענטן, און דער טומל, וואָס אַרום, פֿאַרטויבן איר שטים. עס דערטראָגט זיך די פֿראַזע „אונדזער דירעקטאָר דרייזין האָט פֿאַרדינט”... עס שפּילט די מוזיק, עס זינגט דער אַרבעטער-כאָר.

אומענדלעך ברייט איז אונדזער פֿראָנט—
פֿון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט.
אומענדלעך ווײַט איז אונדזער בליק—
אין אַרבעט אונדזער רעפּובליק.

אונדז מונטערט אויף דעם סוינעס סאָף—
פֿאַר אונדז—אַ פֿרייד, פֿאַר זיי—אַ שטראָף.
אין אַרבעט וועבן מיר זיך גליק.
אין אַרבעט אונדזער רעפּובליק.

אַ יאָנטעוו אונדזער אַרבעט-טאָג—
קיין גראָע וואָך בײַ אונדז ניטאָ
ניט אינדערהיים, ניט אין פֿאַבריק—
אין אַרבעט אונדזער רעפּובליק.

די אַלטע וועלט באַם לעצטן ראַנד—
עס בליט פֿון אַרבעטער אַ לאַנד.
צו גאָט, צום שעד פֿאַרברענט דעם בריק—
אין אַרבעט אונדזער רעפּובליק.

צו אונדז, פֿאַרמאַטערטע, אַהער—
אין פֿוס מיט דרייסטע איז ניט שווער,
איר זעט, ווי ס'גרינט, איר זעט, ווי ס'בליט
אין אַרבעט אונדזער רעפּובליק.

פֿאָרויס, פֿאָרויס—דער וועג ניט לאַנג
אין איין סאָוועטישער פֿאַלאַנגע!
פֿאָרויס צום קאַמף, פֿאָרויס צום גליק
אין אַרבעט אונדזער רעפּובליק.

Printed in Russia

ЦАНА 1 РУБ.

פרייז 1 רובל.

на яўрэйскай мове.

Ц. ДАЎГАПОЛЬСКІ БАРАЦЬБА МАШЫН

Беларускае аддз. Цэнтрвыдату Народаў СССР.
Менск.